# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

מקץ - חנוכה

מכון
באר האמונה

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת מקץ - חנוכה


אשר האלוקים עושה - אויך אין די שווערסטע זמנים טאָר מען זיך נישט מייאש זיין ............... ד

שמונת ימי חנוכה - צינדן יעדע נאַכט מיט אַ התחדשות ........................................ י

דלא למיספד בהון - חנוכה איז אַ זמן פון שמחה, הלל והודאה ..................................... יד

שבת חנוכה - ראש חודש טבת ................................................................. טו

'זאת' היתה לי - די גרויסע און הייליגע קדושה פון זאת חנוכה.......................................... יז

'זאת' עשו וחיו - אויסנוצן ריכטיג דעם הייליגן טאָג .......................................... כא


**ספה"ק בת עין**

... **וְתֹאמַר עוֹד לְבוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא** נאך האט זי [כנסת ישראל] געזאגט פארן באשעפער, **רְאָיָה אֲמִיתִּית לָזֶה** א אמת'דיגע ראיה אז מיר ווערן געשטרויכלט מיט עבירות נאר צוליב אונזערע ליידען און פלאגעניש וואס מיר גייען אדורך, **'הַכֶּר נָא לְמִי הַחוֹתֶמֶת'**, דערקען נאר די זיגעל [די ערשטע פון די סימנים וואס תמר האט געהאט געגעבן פאר יהודה], **מְרַמֵּז עַל הַשֶּׁמֶן שֶׁל נֵרוֹת חֲנוּכָּה שֶׁהָיָה חָתֻם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל כֹּהֵן גָּדוֹל**, וואס דיווארט 'חותמת' איז מרמז אויף די קריגל אויל וואס איז געווען פארזיגלט מיט די זיגעל פונעם כהן גדול, **'וְהַפְּתִילִים' מְרַמֵּז עַל הַפְּתִילוֹת שֶׁל נֵר חֲנוּכָּה**, און דאס ווארט 'פתילים' מיינט די קנויטן פון די חנוכה ליכט, **'וְהַמַּטֶּה' מְרַמֵּז עַל הַכְּלִי שֶׁל נֵר חֲנוּכָּה כַּיָּדוּעַ**, און די ווארט 'המטה' קען מען טייטשען אויף די כלי פון די חנוכה ליכט [דאס מיינט די מנורה], **כִּי תֵּיבַת 'הַמַּטֶּה' עִם הַכּוֹלֵל גִּימַטְרִיָּא 'כְּלִי'** ווייל די ווארט 'המטה' איז בגמטריא 'כלי'. **פֵּירוּשׁ מֵהַמִּצְוַת נֵר חֲנוּכָּה שֶׁאָנוּ מְקַיְּימִים כְּמִצְוַת רְצוֹנְךָ הַקָּדוֹשׁ** דאס מיינט צו זאגן אז פון די מצות נר חנוכה וואס אונז זענען מקיים אזוי ווי די הייליגע ווילען פון באשעפער, **הִיא רְאָיָה מְפוֹרֶשֶׁת שֶׁאֲנַחְנוּ הוֹלְכִים רַק אַחַר רְצוֹנְךָ** איז א קלארע באווייז אז אונז גייען נאר נאך די ווילען פון באשעפער, **וַחֲשׁוּקִים וּדְבוּקִים רַק בְּךָ** און אונז גלוסטען און זענען נאר באהאפטען אינעם באשעפער, **וְלֹא חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ'**, און נישט ח"ו אין אנדערע גלוסטענישן, **רַק מַה שֶׁאֲנַחְנוּ עוֹשִׂים לִפְעָמִים נֶגֶד רְצוֹנְךָ** נאר דאס וואס אונז טוען צומאל קעגן די ווילען פון באשעפער, **הוּא רַק מֵחֲמַת הַנַּ"ל** איז נאר צוליב די אלע פלאגעניש וואס אונז גייען אדורך.

**'וַיַּכֵּר יְהוּדָה' הוּא הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** און דער באשעפער וואס ווערט אנגערופן אין די פסוקים 'יהודה' האט עס אנערקענט, ער האט אנגענומען די סימנים, **'צָדְקָה מִמֶּנִּי'** און כביכול דער באשעפער האט אויסגערופען אז די יודען זענען גערעכט, **כִּבְיָכוֹל אֲנִי חַיָּיב בָּזֶה** איך בין טאקע שולדיג אינדעם, **הַיְינוּ הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מוֹדֶה לָהֶם שֶׁהֵמָּה צוֹדְקִים** ד"מ אז דער באשעפער איז מודה צו זיי אז זיי זענען גערעכט, **כִּי אֲנִי רוֹאֶה שֶׁהָאֱמֶת הוּא שֶׁהֵמָּה דְּבֵקִים רַק בִּי** ווייל איך זעה אז די אמת איז אז די יודען זענען נאר באהאפטען אין מיר.

**וּמַה שֶּׁהֵמָּה עוֹשִׂים לִפְרָקִים נֶגֶד רְצוֹנִי חַס וְשָׁלוֹם** און דאס וואס זיי טועהן צומאל קעגן מיין ווילען, **הוּא רַק מֵחֲמַת 'כִּי עַל כֵּן לֹא נְתַתִּיהָ לְשֵׁלָה בְנִי'** איז נאר צוליב איך האב זיי נישט געגעבן צו מיין זון 'שלה', **רָצָה לוֹמַר תֵּיבַת שֵׁלָה מְרַמֵּז עַל מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ** ס'מיינט צו זאגן אז די ווארט 'שלה' איז מרמז אויף משיח (אז איך האב נאכנישט געשיקט משיח), **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (בראשית מט, י) 'עַד כִּי יָבוֹא שִׁילֹה' אזוי ווי אונז זעהן אין תורה אז משיח ווערט אנגערופען 'שילה' ווי עס שטייט אין פסוק 'עד כי יבוא שילה' ביז ווען משיח וועט קומען.

**הַיְינוּ מֵחֲמַת שֶׁזֶּה זְמַן רַב שֶׁלֹּא נָתַתִּי וּמָסַרְתִּי אוֹתָם לְרוֹעֶה נֶאֱמָן** ד"מ ווייל ס'איז שוין א לאנגע צייט וואס איך האב זיי נישט איבערגעגעבן צו א געטרייעם פאסטעך, **הוּא מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ** וואס דאס איז משיח צדקינו איז וועגן דעם קענען זיי נישט טוהן די רצון ה' יתברך, **שֶׁיָּבֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ** ער זאל שנעל קומען אין אונזערע טעג. **אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.** **(להנוכה ד"ה ויהי כמשלש חדשים)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# מקץ - חנוכה

## אשר האלוקים עושה - אויך אין די שווערסטע זמנים טאָר מען זיך נישט מייאש זיין

'וישלח פרעה ויקרא את יוסף ויריצוהו מן הבור, ויגלח ויחלף שמלותיו ויבא אל פרעה' (מא, יד).

**פרעגט** דער 'אגרא דכלה' פאַרוואָס דאַרף די תורה אַרויסשרייבן אַז יוסף האָט זיך אָפּגעשוירן זיינע האָר און געטוישט זיינע קליידער. וואָס לערנען מיר פון דעם א לימוד פאַר די שפּעטערדיגע דורות?

**ענטפערט** דער 'אגרא דכלה', רש"י זאָגט (ויקרא א, א) אַז איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'ויקרא', איז עס אַ לשון פון ליבשאַפט (רש"י ויקרא א, א). פרעה האָט געשיקט רופן יוסף'ן אויף אַ ליבליכן אופן, ווייל ער האָט געוואָלט אַז יוסף זאָל איהם באַשיידן זיינע חלומות, אָבער זיינע באַדינער, וועלכע זענען געווען רשעים, האָבן אַרויסגענומען יוסף'ן פון גרוב ווייל זיי זענען געווען געצוואונגען דערצו. דאָס הייסט, זיי האָבן איהם נישט געברענגט בדרך כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס דער קעניג וויל איהם באַגעגענען און רעדן מיט איהם, נאָר זיי האָבן איהם גענומען און געיאָגט צו קומען צו פרעה. האָט יוסף געקענט טראַכטן, ווער ווייסט צי דער קעניג וויל איהם יעצט נישט משפט'ן פאַר זיין 'עוולה' (וואָס די מרשעת, די פרוי פון פוטיפר, האָט אויסגעטראַכט אויף איהם), און אַז צוליב דעם פירט מען איהם יעצט אויף אַ פאַרשעמטן אופן, אַזוי ווי מ'פירט זיך מיט מענטשן וואָס האָבן ווידערגעשפעניגט קעגן די מלוכה.

**יוסף** האָט זיך אָבער נישט געמאַכט צו טוהן דערפון, ווייל ער איז געווען פאַרזיכערט אויף דעם באַשעפער אַז ער וויל איהם אַוודאי העלפן און אַרויסנעמען איהם פון תפיסה. וועגן דעם האָט ער זיך געשטופּט אָפּצושערן זיך און טוישן זיינע קליידער, ווייל ער איז געווען פאַרזיכערט אויף די חסדים און וואונדער וואָס דער אויבערשטער וועט איהם באַווייזן.

**צוליב** דעם באַשרייבט די תורה לדורות עולם אַז יוסף האָט זיך אָפּגעשוירן און געטוישט זיינע קליידער, אונז צו לערנען ווי גרויס ס'איז געווען די מדה פון בטחון ביי יוסף הצדיק, אַז כאָטש עס האָט אויסגעזעהן ווי ס'איז יעצט געקומען די צייט פון זיין משפט, פונדעסטוועגן איז ער געווען גאַנץ אין די מדה פון בטחון אין באַשעפער.

**'מעשה אבות סימן לבנים'** - אויך אין די שווערסטע זמנים וואָס דער מענטש גייט אַדורך חלילה, ווען עס זעהט איהם אוים ווי אַ שווערד אויף זיין האַלדז, טאָר ער זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, נאָר האָבן אמונה און בטחון אין דעם באַשעפער, אַז ער וועט איהם העלפן און אַרויסנעמען איהם פון זיין קלעם[א]!

**א.** פאַריאָר, האָט אַ איד פון חוץ לארץ, געשריבן צו אונז אין אַ בריוו, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם:

די מענטשן פונעם שטייער אַמט האָבן זיך 'פאַרלייגט אויף זיינע ביינער' אויף אַ שווערן אופן און ער איז שוין אַפילו געזעסן אין תפיסה ה' ירחם. ער האָט געדינגען דעם בעסטן אַדוואָקאַט, און אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות באַפרייט צו ווערן, און געוויסע היימישע עסקנים האָבן געאַרבעט לטובתו, אָבער עס האָט ליידער גאָרנישט געהאָלפן. עס האָט אויסגעזעהן ווי מ'האָט אויפגעשטעלט אַ 'וואָנט' אַנטקעגן איהם. דערווייל האָבן די שטייער באַאַמטע געשלאָסן זיינע באַנק-קאָנטעס, און זיינע בני בית זענען געווען געצוואונגען צו באָרגן געלט כדי צו געבן צו עסן פאַר די יונגע קינדער אין הויז.

איין טאָג, ווען ער האָט געזעהן אַז עס העלפט גאָרנישט, און ער זעהט זיך נישט אַרויס פונעם קלעם, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: ליבער טאַטע אין הימל, ס'איז נישט דאָ קיין כח אויף דער וועלט וואָס קען מיר העלפן, אויסער דו. 'אין עוד מלבדו'. ראַטעווע מיך, באַשעפער, פון די תפיסה און פון מיין שווערן מצב. **ביז אַ טאָג-צוויי**, האָט מען איהם אַרויסגעלאָזט פון טורמע אויף אַ וואונדערליכן אופן. ער איז אַהיימגעקומען, און זיין גאַנצער 'פייל' איז געשלאָסן געוואָרן! אַזוי גרויס איז דער כח פון אמונה און תפילה פאַר די ישועה.

דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל פלעגט זאָגן, **איך ווייס נישט פון וואו אַן עושר נעמט זיין ברויט און קליידונג...** בשלמא דער אָרימאַן, שפירט דאָך אייביג צוליב זיין גרויס אָרימקייט, אַז ער איז אָנגעוויזן אויף דעם באַשעפער, און ער איז שטענדיג מתפלל צו דעם אויבערשטען מיט די הרגשה אַז ער האָט נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען, וועלכער הערט שטענדיג זיינע תפילות. אָבער דער עושר, וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיין רייכטום, און ער שפירט אינגאַנצן נישט אַז ער איז אָנגעוויזן אויף דעם באַשעפער, און אַפילו ווען ער איז מתפלל אויף פרנסה, איז דאָס נישט אַ תפילה פון טיפן האַרץ... אויב אַזוי, פון וואו נעמט ער טאַקע זיינע באַדערפענישן? און דער בריסקער רב האָט אויסגעפירט, אַז **דאָס איז אַ 'שטאַרקע קשיא', וואָס האָט נישט קיין ענטפער.**

דער סאָקאָלאָווער רבי זצ"ל האָט אָבער געזאָגט, חז"ל זאָגן (קה"ר, פ"א, יג) 'יש לו מנה, רוצה מאתיים' - דער מענטש וואָס האָט אַ 'מנה' - 100 זוז, וויל האָבן צוויי הונדערט זוז. קומט אויס, אַז **אויך דער עושר שפירט אייביג אַז עס פעלט איהם עפעס און ער דאַרף אָנקומען צום אויבערשטען ברוך הוא**, און אויך אויב ער פאַרמאָגט אַ גרויסן פאַרמעגן, איז ער קיינמאָל נישט זאַט דערפון, ער איז אייביג 'הונגעריג' פאַר נאָך און נאָך געלט. קומט אויס, אַז אויך ער שפירט זיך 'פעלנדיג' און ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען.

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר הרה"ק רבי יחזקאל קאָזמירער זי"ע, אַז ער פלעגט ביז יעצט זיצן און לערנען, און יעצט דאַרף ער אַרויסגיין זוכן פרנסה. ער האָט מורא פון די 'גאַס' מיט אַלע אירע איבלען. האָט הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער איהם געזאָגט:

- דער פסוק זאָגט (בראשית כח, יא) 'ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו'. זאָגט רש"י, אַז ער האָט געלייגט די שטיינער אַזוי ווי אַ 'רער' אַרום זיין קאָפּ, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די שלעכטע חיות. איז שווער, יעקב אבינו ע"ה האָט דאָך געדאַרפט האָבן שמירה נישט נאָר אויפ'ן קאָפּ, נאָר אויף זיין גאַנצן גוף, אַז די שלעכטע חיות זאָלן איהם נישט שעדיגן. איז דער תירוץ, על דרך משל, אַ פויגל פאַלט אַריין אין די בלאָטע, און זינקט וואָס מער און מער אין די בלאָטע. אַזוי לאַנג ווי אירע פליגל האָבן זיך נאָך נישט דערטרינקען אין די בלאָטע, קען זי נאָך אַרויסקומען פון די בלאָטע דורך אירע פליגל. אויך אויב אירע פליגל זינקען שוין אין די בלאָטע, אָבער כל זמן איר קאָפּ איז נאָך אינדרויסן פון די בלאָטע, קען זי נאָך שרייען 'הצלה', און מ'וועט איר קומען העלפן, אָבער אויב אויך דער קאָפּ איז שוין פאַרזינקען אין די בלאָטע, איז אַך און וויי צום פויגל...

- דעריבער - האָט רבי יחזקאל'ע קאָזמירער ווייטער געזאָגט צו דעם חסיד - ווען יעקב אבינו ע"ה איז געגאַנגען קיין חרן, צו לבן הארמי, האָט ער מורא געהאַט פאַר די 'שלעכטע חיות'. ווער ווייסט וואָס ער קען דאָרט ערוואַרטן... דעריבער האָט ער געמאַכט אַ שמירה אַרום זיין 'קאָפּ', ווייל **אַזוי לאַנג ווי דער קאָפּ האָט נישט 'געזינקען' אין די בלאָטע, קען דער מענטש נאָך שרייען און רופן מ'זאָל איהם קומען צו הילף.**

- דאָס זעלבע איז מיט דיר. ווען דו גייסט אַרויס זוכן פרנסה, זאָלסטו היטן דיין 'קאָפּ', ער זאָל נישט פאַרזינקען ווערן אין די נאַרישקייטן פון דער וועלט, און דו זאָלסט היטן אויף די אמונה אין מח, און אַזוי וועסטו געראַטעוועט ווערן פון די גאַס, און דו וועסט אייביג זיין צוגעבונדן צום באַשעפער ברוך הוא.

עס ווערט געברענגט אין ספר 'ילקוט לקח טוב' (חלק חיים של תורה), אַ וואונדערליכע מעשה וואָס עס דערציילט הרב הגאון רבי אשר ווייס שליט"א, וואָס עס האָט פאַסירט אַרום צען יאָר צוריק אין מאַנשעסטער, ענגלאַנד. (מ'דאַרף אָנצייכענען, אַז דאָ רעדן מיר פון אַ איד וואָס איז געווען אויסגעצייכנט אין די מדה פון בטחון, און ממילא, קען זיין פירונג אפשר נישט דינען אַלס אַ ביישפּיל פאַר יעדן איינעם, אָבער ס'איז גוט צו הערן אַז אויך אין אונזער היינטיגן אָרימען דור, זענען נאָך פאַרהאַן אַזעלכע בעלי מדריגה.)

אַ יונגערמאַן וואָס וואוינט אין מאַנשעסטער, איז געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה. אויך ווען זיין משפחה איז, ברוך השם, געוואַקסן, איז ער ווייטער געזעסן אין 'כולל' און געלערנט, און אַזוי איז די ווירטשאַפט אין הויז געפאַלן אויף זיין בני בית, וועלכע האָט געהאַט מסירות נפש אַז דער מאַן זאָל קענען זיצן און לערנען. אַסאַך מענטשן האָבן זיך געוואונדערט פון וואו לעבט דאָס פּאָרפאָלק, ווען דער מאַן זיצט און לערנט און זי איז פאַרנומען מיט ערציען די קינדער. פאַקטיש, האָבן זיי געלעבט אין גרויס אָרימקייט וועדנדיג אַביסל געשטיצט פון די עלטערן און פריינט.

אויך ווען מ'האָט אָנגעבאָטן פאַר דעם יונגערמאַן פאַרשידענע תורה'דיגע פּאָסטענס, ווי צו זיין אַ מגיד שיעור אין אַ ישיבה און דאָס גלייכן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון. אַזוי האָבן זיי געלעבט אין דחקות (אַוודאי איז דאָס נישט אַ מהלך וואָס געמאכט פאר יעדעם, נאָר יחידי סגולה, אָבער דעם יסוד דערפון קען יעדער איינער לערנען).

ווען ס'איז געבוירן געוואָרן דאָס צענטע קינד ביי זיי אין אַ מזל'דיגע שעה, האָבן די שאלות פון די אַרומיגע קרובים שוין אָנגעהויבן צו ווערן אַן אויסדרוק פון זאָרג, וואָס וועט דאָ זיין... די עלטערן פון דעם יונגערמאַן האָבן פאַרלאַנגט פון איהם אַרויסצוגיין אַרבעטן. מ'האָט פרובירט 'אַדורכקומען' מיט איהם אַז ער זאָל אָננעמען נאָר אַ צייטווייליגן פּאָסטן, אָבער אָן ערפאָלג. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט ווען ס'איז געבוירן געוואָרן דאָס עלפטע קינד. די עלטערן האָבן ווידער פרובירט זייער 'מזל' מיט דעם יונגערמאַן, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביים זייניגן: איך וועל ווייטער זיצן און לערנען, און דער אויבערשטער וועט העלפן...

אַ צייט שפּעטער איז געבוירן געוואָרן אַ צוועלפטער קינד בשעה טובה, אָבער אונזער 'בעל בטחון' האָט נישט געזאָרגט אַפילו אַ סעקונדע, און האָט ממשיך געווען זיינע לימודים אין 'כולל' אַזוי ווי פריער. זיין השקפה האָט זיך נישט געטוישט אויך ווען עס איז געקומען אויף דער וועלט דאָס דרייצנטע קינד אין אַ מזל'דיגע שעה. די עלטערן פון דעם יונגערמאַן, האָבן ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון גרויס זאָרג. עס איז אַפילו שוין שיער אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן זיי און זייער זון.

דאַן האָט אָבער פּאַסירט אַן אומגעווענליכע זאַך, ווען עטליכע טעג איידער דאָס דרייצנטע קינד איז אַריינגעקומען בבריתו של אברהם אבינו ע"ה, האָט דער יונגערמאַן באַמערקט, אַהיימקומענדיג פאַרנאַכטס פון 'כולל', אַ קאָנווערט וואָס איז געווען ברוינלעך, זיך אַרויסשטעקן פון זיין פּאָסט-קעסטל. אויפ'ן קאָנווערט איז געווען דער סימבאָל פון ענגלאַנד, און ס'איז געווען פאַרצייכנט דערויף מיט 'אָפיציעלע' אותיות, אַז דאָס איז פונעם קרייז געריכט אין מאַנשעסטער. דער יונגערמאַן האָט פרובירט אויסרעכענען אין קאָפּ, וואָס האָט ער מיט'ן קרייז געריכט... אָבער ער האָט נישט געקענט קומען צו אַ זאַכליכן ערקלערונג. ווען ער האָט געעפנט דעם קאָנווערט, האָט ער דאָרט געזעהן אַז ער ווערט אויפגעפאָדערט צו קומען אין געריכט אין אַ געוויסן דאַטום, כדי צו קענען ערלעדיגן אַ 'צוואה' וואָס אַ געוויסער מיסטער דזשאַן קלאבארי האָט איבערגעלאָזט, און איז געשטאָרבן אַ צייט פריער.

די גאַנצע זאַך האָט אויסגעזעהן מאָדנע אין די אויגן פון דעם יונגערמאַן, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געשעפטן מיט אַ מענטש וואָס טראָגט דעם נאָמען דזשאַן קאלבארי, און ער האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזאַ איינעם. ער האָט געטראַכט ביי זיך, ס'איז מסתמא אַ טעות... ער האָט צוריקגעשיקט אַ בריוו צום געריכט, פרובירנדיג אויפצווייזן אַז זיי האָבן מסתמא געהאַט אַ טעות. עטליכע טעג שפּעטער, האָט ער אָבער צוריקבאַקומען פון געריכט אַ בריוו, וואו זיי שרייבן איהם קלאָר אַז לויט'ן געזעץ מוז ער זיך שטעלן צום געריכט אין דעם טאָג און שעה ווען זיי האָבן איהם אָנגעצייכנט. זיי שרייבן-צו אינעם בריוו, אַז דאָ האַנדלט זיך פון אַ צוואה וואָס שענקט איהם נישט וויינינגער ווי **אַ האַלבן ביליאָן ענגלישע פונט...**

> **מן הבאר**
>
> דער 'בית אברהם' שרייבט (נר א'), אַז דאָס וואָרט 'חנוכה' איז פון לשון **'חינוך'**, אַז דער מענטש דאַרף זיך **צוגרייטן** פאַר אַלע שווערע צייטן וואָס ער גייט אַריבער, סיי בגשמיות, סיי ברוחניות, וווען ער זעהט נישט קיין שום פונק פון לעבטיגקייט פון וואו עס וועט קומען זיין ישועה, און ער האָט נישט קיין מעשים טובים אין וועלכע אָנצוהענגען אַז דורך זיי זאָל ער זוכה זיין צו די ישועה, **פונדעסטוועגן, זאָל ער זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, 'עמו אנכי בצרה', און ער וועט לעבטיג מאַכן פאַר איהם אין דער פינצטערניש.**

אין דעם באַשטימטן טאָג, איז ער צוגעפאָרן צום געריכט, וואו ער האָט אויסגעפונען אַז דער דערמאָנטער מיסטער קלאבארי איז אַוועק פון דער וועלט אָן קינדער, און אין זיין צוואה האָט ער געשריבן מ'זאָל געבן זיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע פאַבריקן און נאָך פאַרמעגנס, **צו די גרעסטע משפחה אין שטאָט...** דער שופט האָט דערציילט פאַר דעם יונגערמאַן, אַז זיי האָבן נאָכגעקוקט אין די אָפיציעלע ביכער פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין מאַנשעסטער, און עס שטעלט זיך אַרויס אַז **דו** האָסט די גרעסטע משפחה אין שטאָט. ער האָט צוגעגעבן, אַז **ביז צוויי וואָכן פריער** איז געווען אין שטאָט נאָך אַ פאַמיליע מיט 12 קינדער, אָבער יעצט האָט איר דאָך געהאַט אַ דרייצענטן קינד, וואָס האָט פאַרוואַנדלט אייער משפחה אַלס די גרעסטע פאַמיליע אין שטאָט, אַזוי אַז די ירושה באַלאַנגט צו אייך...

אַזוי שרייבט דער מהר"ל מפראג זי"ע ('נתיבות עולם', נתיב הבטחון, פ"א) אויף דעם פסוק (ישעיה כו, ד) 'בטחו בה' עדי עד'. דאָס מיינט, אַז כאָטש מ'זעהט און מ'טראַכט אַז עס איז שוין נישט דאָ קיין האָפענונג ח"ו, טאָר מען זיך נישט מייאש זיין, נאָר מ'דאַרף זיך פאַרזיכערן אויף דעם באַשעפער[ב], ווייל ער קען העלפן,

---

קומענדיגן שבת, האָט דער יונגערמאַן געפראַוועט אין ביהמ"ד אַ פייערליכן 'קידוש' פאַר אַלע מתפללים. אויף אַזאַ יונגערמאַן, פול מיט אמונה און בטחון אין באַשעפער, איז פאַסיג צו זאָגן דעם פסוק, 'ברוך הגבר אשר יבטח בה' והי' ה' מבטחו'.

**ב.** מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט **דריי וואָכן צוריק**. אַ איד פון ארץ ישראל האָט געהאַלטן פאַר די חתונה פון זיין טאָכטער, און ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע שאַפן געלט פאַר די חתונה. ער איז געווען אין אַמעריקע דריי וואָכן, אָבער ליידער האָט ער נישט געמאַכט קיין געלט, אַפילו נישט אויף צו דעקן דעם 'טיקעט' פון די רייזע.

ווען דער איד איז אַרויפגעשטיגן אויפ'ן עראָפּלאַן צוריקצופאָרן אַהיים קיין ארץ ישראל, איז איהם געוואָרן 'נישט גוט' ווען ער האָט געזעהן אַז נעבן איהם האָט זיך געזעצט איינער, אַ 'בעל בשר', וואָס האָט אַפילו צוגענומען אַ העלפט פון זיין אייגענעם פּלאַץ... עס איז איהם געווען שווער אויפ'ן האַרץ, אַז נאָך דריי וואָכן וואָס ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין אַמעריקע און האָט נישט געמאַכט קיין געלט, קען ער ניטאמאל האבן א רואיגע וועג און ער דאַרף יעצט נאָך זיך 'צוזאַמענשטופּן' אַ וועג פון 12 שעה, אָבער וואָס האָט ער געקענט טוהן...

ווען דער עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט אויפ'ן לופטפעלד אין לוד, האָט מען געמאָלדן אויפ'ן עראָפּלאַן, אַז די פּאַסאַזשירן וועלן זיך מוזן אויפהאַלטן אויפ'ן עראָפּלאַן, ווייל מ'גייט אַדורכפירן אַ 'בדיקה בטחונית' - אַ זיכערהייט אונטערזוכונג אויף אַלע פּאַסאַזשירן. אין יענע מינוט, איז זיין שכן, דער 'ברייטער' פאַרשוין, געוואָרן בלאַס און אומרואיג. איידער די פּאָליציאַנטן זענען צוגעקומען צו זייער רייע, האָט יענער פאַרשוין געוואָרפן אין זיין ריכטונג אַ קאָנווערט ('ענוועלאָופּ'). אין ערשטן אויגנבליק, האָט ער עס געוואָלט צוריקוואַרפן פאַר יענעם, ווייל ער האָט מורא געהאַט, ווער ווייסט וואָס ער האָט איהם דאָ צוגעוואָרפן אין דעם קאָנווערט... ס'איז אָבער שוין געווען צו-שפּעט צוריקצוּוואַרפן דעם קאָנווערט, ווייל די פּאָליציאַנטן זענען שוין געשטאַנען אָט-אָט ביי זייער רייע, און מ'קען נאָך דאָ פירן ביידע פון זיי מיט קייטן... האָט ער עס שנעל אַריינגעשטעקט אין זיין קעשענע.

למעשה, האָט מען גענומען דעם ברייטן פאַרשוין, און איהם אַוועקגעפירט, און דער איד, וועלכער איז געבליבן מיט'ן קאָנווערט, איז געווען ממש אויפגעציטערט. ער האָט אָבער באַשלאָסן, אַז אַלעס איז דאָך סיי-ווי פון הימל, און ער האָט געבעטן דעם באַשעפער מיט אַ שטילע תפילה, אַז ער זאָל זיך שוין וואָס שנעלער אַרויסזעהן בשלום פון דאָ... נאָך דעם ווי ער איז אַדורכגעגאַנגען די גרעניץ-פּאָליציי, האָט ער געטראַכט ביי זיך, צו עפענען דעם קאָנווערט ערשט ווען ער וועט אָנקומען צו זיך אַהיים.

ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, און געעפענט דעם קאָנווערט, איז געלעגן דערין נישט ווייניגער ווי **דרייסיג טויזנט דאָלאַר**... האָט ער טעלעפאָנירט צום ראש בית דין אין ביתר, הרה"ג רבי הערשל בראַווערמאַן שליט"א, און געפרעגט אַ שאלה אויב ער מעג נוצן דאָס געלט. האָט הרב בראַווערמאַן איהם געענטפערט אַז ער מעג עס נוצן, ווייל ער האָט דעם דין פון אַ 'מציל מזוטו של ים', ווייל די פּאָליציי וואָלט סיי-ווי צוגענומען פון יענעם דעם קאָנווערט מיט'ן געלט.

על כל פנים, דאָס וואָס עס האָט אויסגעזעהן אין די אויגן פון דעם איד ווי דער 'ערגסטער מצב' ח"ו, אַז אין צוגאָב דערצו וואָס ער האָט נישט באַוויזן צוזאַמענצושטעלן אין אַמעריקע אַפילו אַ פּרוטה, האָט ער נאָך געדאַרפט ליידן פון דעם פאַרשוין אויפ'ן גאַנצן וועג אַהיים קיין ארץ ישראל, אָבער צום סוף איז די גאַנצע ישועה אַרויסגעקומען **דווקא פון דעם פארשוין**, און ער האָט געהאַט אויף די הוצאות החתונה פון זיין טאָכטער...

פון די מעשה לערנען מיר, אַז אַוודאי דאַרף אַ איד טוהן השתדלות. ער איז געפאָרן קיין חוץ לארץ, **געטוהן זיין חלק פון 'השתדלות', אָבער דאָרט האָט ער דאָך נישט געמאַכט אפילו אַ פּרוטה**, אָבער דער רבונו של עולם האָט איהם געשיקט דאָס געלט אויף אַן אַנדערן אופן. דאָס הייסט, **די תוצאה האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט'ן השתדלות.** אַוודאי, ווען ער פאָרט נישט קיין אַמעריקע, וואָלט ער דאָך נישט געטוהן זיין 'השתדלות'. אַזוי, האָט ער געטוהן זיין השתדלות, און די ישועה איז געקומען פון אַן אַנדערן וועג.

און ווען דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, דאַרף דער אויבערשטער כביכול איהם ראַטעווען[ג], עכ"ד.

שטייענדיגע היינטיגע וואָך אין די חנוכה-טעג, איז עס אַ 'זמן גרמא', די צייט צו רעדן וועגן די מדה פון בטחון, ווייל דער גאַנצער ענין פון חנוכה איז

---

דאָס לערנען מיר פונעם 'דריידל' - אַוודאי דאַרף מען מאַכן 'השתדלות', צו 'דרייען' מיט'ן 'דריידל', אָבער אַפילו אַ גוטער שפּילער, קען נישט וויסן אויב עס וועט אויסקומען צום אות ג', אָדער צום אות ש'... **אויב ער וועט נישט דרייען, וועט טאַקע גאָרנישט אַרויסקומען, אָבער פונעם דרייען שטאַרקער דעם 'דריידל', וועט נאָך נישט אַרויסקומען אַ 'גימל'.**

עס האָט אונז דערציילט אַ איד, וואָס איז געפאָרן קיין קערעסטיר מתפלל זיין ביים ציון פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע. ווען ער איז אָנגעקומען אינעם לופטפעלד אין בודאַפּעסט, האָט ער לכתחילה געטראַכט צו פאָרן מיט'ן ספּעציעלן 'מיניבאָס' וואָס פאָרט געוועהנליך איין מאָל אַ טאָג פון בודאַפּעסט קיין קערעסטיר, ווייל פאַר אַ פּריוואַטן 'דרייווער' וואָס זאָל איהם פירן קיין קערעסטיר, האָט ער זיך נישט געקענט ערלויבן. צו זיין בראָך, האָט ער געהערט אַז אין די קומענדיגע פּאָר טעג, וועט דער 'מיניבאָס' נישט פאָרן קיין קערעסטיר... ער איז אַלזאָ, געווען אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. וואָס טוט מען דאָ אָן קיין איבריגע געלט?

אינצווישן איז ער געוואָרן הונגעריג, און האָט געוואָלט גיין אין אַ רעסטאָראַן עסן אַ מאָלצייט, זיך צו דערכאַפּן דאס הארץ. דארט אין אין בודאַפּעסט איז פאראהאן אַ רעסטאָראַן מיט'ן נאָמען 'כרמל', וואו עס קומען די 'בעסערע מענטשן', און א צווייטן כשר'ן רעסטאָראַן וואָס דאָרט סערווירט מען נישט אַזעלכע געשמאַקע מאָלצייטן ווי אינעם 'כרמל' רעסטאָראַן. זייענדיג שטארק אויסגעמאטערט און הונגעריג האט ער געקלערט צו גיין צום 'כרמל' רעסטאָראַן. אָנקומענדיג אַהין, איז דער רעסטאָראַן געווען איבערגעפילט מיט קונים, און מ'האָט איהם געזאָגט, אַז דאָ סערווירט מען בלויז פאַר פיר מענטשן ביי אַ טיש... און ער איז בלויז איינער אליין, איז ער אַרויס פון דעם רעסטאָראַן בבושת פנים, און איז געגאַנגען צום צווייטן רעסטאָראַן.

ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן אין יענעם רעסטאָראַן, איז צוגעקומען צו איהם אַ איד און איהם געפרעגט, אויב ער ווייסט עמיצן וואָס וויל יעצט פאָרן קיין קערעסטיר... וואָס האָט פאַסירט? ער האָט אַ קאַר, אָבער ער איז זייער מיד, און האָט מורא אַליין צו פירן דעם קאַר... אַלזאָ, דער איד האָט געפירט יענעם איד אַהין און צוריק, און אינמיטן וועג האָט יענער אפילו באַצאָלט פאַר אַ האָטעל-צימער אויך פאַר איהם איבערצונעכטיגן, און ער האָט איהם אַרומגעפירט ביז'ן לופטפעלד, אַהיימפאָרנדיג צוריק קיין ארץ ישראל...

דאַן האָט דער איד געזעהן די טובה וואָס איז אַרויסגעקומען פאַר איהם פון דעם וואָס אין דעם 'כרמל' רעסטאָראַן האָט מען איהם **נישט** געוואָלט אַריינלאָזן, און ער איז געגאַנגען עסן אין דעם צווייטן רעסטאָראַן, וואו ער האָט באַגעגענט יענעם איד וואָס האָט איהם צוגעשטעלט אַ קאַר ביז קערעסטיר, און צוריק...

**ג.** דער 'אור החיים' הקדוש זאָגט אויפ'ן פסוק 'ויהי מקץ שנתיים ימים ופרעה חולם', אַז אין משך פון די גאַנצע צוויי יאָר, האָט פרעה יעדע נאַכט געזעהן אין שלאָף דעם זעלבן חלום, נאָר ער האָט יעדן אינדערפרי נישט געדענקט וואָס ער האָט געזעהן אין חלום. ערשט ביים סוף פון די צוויי יאָר, האָט ער צום ערשטן מאָל געדענקט דעם חלום, און ער האָט דעמאָלס גערופן יוסף'ן (אויף די עצה פונעם 'שר המשקים') ער זאָל איהם באַשיידן זיין חלום. איז שווער, אויב פרעה האָט יעדן טאָג פאַרגעסן וואָס ער האָט יענע נאַכט געזעהן אין חלום, פאַרוואָס האָט ער עס געזעהן אין חלום?

ענטפערט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס', מקץ, אות עא), לויט אַ מעשה שהיה, וואָס האָט פאַסירט ביים בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז ער איז אַמאָל געפאָרן אויפ'ן וועג מיט הרה"ק רבי מענדעלע פון באַר זי"ע. פאָרנדיג אויפ'ן וועג, איז רבי מענדעלע געוואָרן זייער דורשטיג צו טרינקען וואַסער. האָט דער בעל שם טוב איהם געזאָגט, אויב דו וועסט האָבן אמת'ן בטחון אין דעם אויבערשטען, וועט דער אויבערשטער דיר צושטעלן וואַסער.

האָט רבי מענדעלע זיך אָנגעאַרבעט מיט אמת'דיגן בטחון, פאַרזיכערנדיג זיך נאָר אויף דעם באַשעפער, און ס'איז טאַקע אונטערגעקומען אַ גוי וועלכער האָט זיי געפרעגט, אויב זיי האָבן אפשר באַמערקט די פערד וואָס ער האָט פאַרלוירן, און ער זוכט זיי שוין דריי טעג. האָבן זיי איהם געפרעגט אויב ער האָט וואַסער, און ער האָט געענטפערט אַז יאָ, און האָט דערלאַנגט וואַסער צו טרינקען פאַר רבי מענדעלע פון באַר.

צו שטאַרקן די אמונה און בטחון, ווי דער ראָפּשיצער רב זי"ע שרייבט אין 'זרע קודש' (ליל ה'), אַז דורך דעם נס חנוכה קען דער מענטש האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווען ער איז זיך מתבונן אין דעם גרויסן נס וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט די אידן, ווען ער האָט איבערגעגעבן די פילע און שטאַרקע יוונים אין די האַנט פון די ווייניג און שוואַכע אידן, וויבאַלד זיי האָבן געהאַט בטחון אין דעם אויבערשטען[ד], און פון דעם זעהט מען אַז 'שקר הסוס לתשועה', און 'אין המלך נושע ברוב חיל, גבור לא

---

שפּעטער האָט רבי מענדעלע געפרעגט דעם בעל שם טוב, וויבאַלד דער גוי איז דאָך דאָ געקומען נאָר צוליב מיר, כדי צו זעטיגן מיין דורשט, פאַרוואָס האט ער געדאַרפט וואַנדערן דאָ דריי טעג, זוכנדיג זיינע פערד? האָט דער בעל שם טוב איהם געענטפערט, אַז דער אויבערשטער האָט איהם צוגעגרייט פון פריער, כדי אַז אויב דו וועסט האָבן אמת'דיגן בטחון אין באַשעפער, וועט ער דיר צושטעלן וואַסער צו טרינקען.

זעהען מיר אַז דער כח פון בטחון איז אַזוי גרויס, אַז דער אויבערשטער שטעלט צו פאַר'ן מענטש וואָס ער דאַרף האָבן, **נאָך איידער ער וועט האָבן דעם בטחון**, כדי אַז **אויב** ער וועט באַקומען דעם ריכטיגן בטחון, וועט ער באַקומען דאָס וואָס ער דאַרף האָבן.

זאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, אַז דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט יוסף הצדיק. ער האָט זיך לכתחילה פאַרלאָזט אויף דעם 'שר המשקים', אַז פון איהם וועט קומען זיין ישועה, און ער איז געשטראָפט געוואָרן ביז ער האָט באַקומען דעם ריכטיגן בטחון אין באַשעפער, און וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געוויזן פאַר פרעה יעדע נאַכט דעם חלום אין משך פון צוויי יאָר, כדי ער זאָל זיין גרייט צו די גאולה פון יוסף הצדיק באַלד ווען ער וועט האָבן די מדה פון בטחון אויף אַ פולשטענדיגן אופן.

אין די הקדמה צום ספר 'ויגד יעקב', ברענגט זיין זון, דער פּאָפּאָ'ער רב הרה"ק בעל 'ויחי יוסף' זצ"ל, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין טאַטן, דער 'ויגד יעקב', אַז איינמאָל ווען ער איז געוועזן אין אַ באָד מיט'ן נאָמען טאַצמאַסדאָרף, איז ער אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס נאָכ'ן 'טיש' געגאַנגען מיט זיינע משמשים אויף אַ שפּאַציר, כדי צו שעפּן פרישע לופט. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום קוואַל פון וואַסער וואָס מענטשן פלעגן דאָרט טרינקען פאַר אַ רפואה, האָט דער 'ויגד יעקב' (אָדער איינער פון זיינע באַגלייטער) געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען גוט צו טרינקען יעצט פונעם קוואַל-וואַסער, ווייל ער איז געווען דורשטיג, אָבער ס'איז דאָך שבת, און מ'קען נישט ברענגען אַ גלאָז, אַזוי האָט מען נישט געקענט טרינקען.

אויף דעם האָט דער 'ויגד יעקב' דערציילט די באַקאַנטע מעשה פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע (ענליך צו די מעשה וואָס מיר האָבן געברענגט אויבן, מיט קליינע ענדערונגען). ווען דער 'ויגד יעקב' האָט געענדיגט דערציילן די מעשה, איז דאָרטן פאַרביי געגאַנגען אַ גוי מיט אַ גלאָז אין האַנט צו טרינקען פונעם קוואַל-וואַסער, און דורך דעם האָבן זיי אויך געטרינקען פונעם וואַסער.

שפּעטער האָט עמיצער געפרעגט דעם גוי, פאַרוואָס עפּעס איז איהם בייגעפאַלן צו קומען אינמיטן נאַכט טרינקען פונעם וואַסער (געוועגליך קומען מענטשן טרינקען אין די בייטאָג-שטונדן). האָט דער גוי געענטפערט, אַז באמת האָט ער זיך שוין געהאַט געלייגט שלאָפן, נאָר ער איז פלוצלינג געוואָרן זעהר דורשטיג, און האָט געמוזט אַראָפּגיין פון בעט און קומען טרינקען ביים קוואַל...

זעהען מיר אויך פון די דאָזיגע מעשה, דעם גרויסן כח פון די מדה פון בטחון, אַז דער אויבערשטער שיקט-צו פאַר'ן מענטש וואָס ער דאַרף האָבן, נאָך איידער ער האָט דעם בטחון, כדי אַז ווען ער וועט שוין האָבן דעם בטחון, זאָל ער באַלד געהאָלפן ווערן מיט דעם וואָס ער דאַרף האָבן.

**ד.** דער ווילנער גאון זי"ע פלעגט רעדן וועגן די מעלה פון בטחון, און דערציילט דערביי אַ מעשה וואָס ער האָט מיטגעלעבט ווען ער איז געגאַנגען 'גלות'ליידן אין זיינע יונגע יאָרן.

אַמאָל איז ער אָנגעקומען אין אַ אידישע קרעטשמע. ס'איז שוין געווען סוף יאָר, און דער 'פּריץ' האָט געשיקט אַ שליח צו פאָדערן פון דעם קרעטשמער דאָס געלט פאַר'ן 'רענט' פון דינגען די קרעטשמע, אָבער וויבאַלד דער איד האָט נישט געהאַט אַפילו אַ פּרוטה צו באַצאָלן פאַר די אַרענדע, האָט ער געמוזט אַוועקשיקן דעם שליח פונעם 'פּריץ' מיט ליידיגע הענט. שפּעטער האָט דער פּריץ געשיקט דעם שליח אַ צווייטן מאָל, און דאָס מאָל האָט יענער שוין אָנגעוואָרענט דעם אידישן קרעטשמער, אַז אויב ער וועט נישט באַצאָלן דעם חוב פון די קרעטשמע

ינצל ברוב כח', נאָר דער אויבערשטער העלפט די אַלע וואָס פאַרלאָזן זיך אויף איהם, און דורך דעם קען דער מענטש צוקומען זיך צו פאַרזיכערן אין דעם אויבערשטען, און ער זאָל אייביג געדענקען אַז 'ה' לי לא אירא מה יעשה לי אדם'.

**ווייטער** שרייבט דער ראָפּשיצער רב: אויך דורך דעם נס וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט'ן אויל, אַז דאָס קריגל האָט אַנטהאַלטן נאָר אַביסל אויל און פון דעם איז געוואָרן אַסאַך אויל, זעהט פון דעם דער מענטש, אַז דער אויבערשטער האָט נישט קיין אָפּהאַלט צו העלפן, סיי אויב ס'איז פיל, סיי ס'איז ווייניג, און דורך דעם וועט ער זיך נישט פאַרלאָזן אויף די הבלי עולם הזה, נאָר ער וועט טראַכטן אַז 'ברכת ה' היא תעשיר', עכ"ל.

**שמונת ימי חנוכה - צינדן יעדע נאַכט מיט אַ התחדשות**

די גמרא זאָגט (שבת כא:) 'מצות חנוכה נר איש וביתו', והמהדרין נר לכל אחד ואחד, והמהדרין מן המהדרין, בית שמאי אומרים יום ראשון מדליק שמונה מכאן

---

ביז אַ געוויסן טאָג, וועט ער איהם אַריינוואַרפן מיט זיין גאַנצע משפחה אין אַ פינצטערן גרוב פול מיט שלענג און אנדערע סארט בעלי חיות, ווי ס'איז ליידער געווען דער 'מנהג' פון די 'פריצים' אין יענע צייטן.

דער איד האָט זיך אָבער געשטאַרקט מיט אמונה און בטחון, און האָט כסדר געזאָגט, אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט און האַלט זיין השגחה פרטית אויף יעדן מענטש און אויף יעדע באַשעפעניש, און ער איז דעריבער זיכער אַז דער אויבערשטער וועט איהם אויך יעצט נישט פאַרלאָזן.

און דער גאון האָט צוגעגעבן, אַז יענער קרעטשמער איז געווען אַזוי פול מיט בטחון, אַז ווען מ'האָט איהם געזעהן גיין אויף דער גאַס, האָט מען געקענט מיינען אַז ער איז דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט... ער וואַרט נאָר ביז עס וועט איהם 'איינפאַלן' אויפ'ן געדאַנק צו באַצאָלן דעם פריץ דעם חוב, און דאַן וועט ער עס טוהן. ער האָט אָבער נישט מורא פאַר דעם פריץ און זיינע רשעות'ן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג צו באַצאָלן דעם חוב, האָט דער איד נאָך נישט געהאַט דאָס געלט ביי זיך, און ער האָט זיך אַפילו נישט אָנגעשטרענגט צו גיין זוכן הלוואות, האָבנדיג בטחון אין דעם אויבערשטען. ער איז געגאַנגען רואיגערהייט צום פריץ אין הויז.

דער ווילנער גאון האָט ווייטער דערציילט, אַז ווען ער האָט געזעהן דעם איד גיין צום פּאַלאַץ פונעם פריץ, איז ער איהם נאָכגעגאַנגען אַהין, כדי צו זעהן 'איך יפול דבר'. ווען דער אידישער קרעטשמער איז אָנגעקומען צום הויז פונעם פריץ, האָט ער געוואַרט אינדרויסן פונעם פריצ'עס צימער, ביז ער וועט קענען אַריינגיין צו איהם. אינצווישן איז אַרויסגעקומען פונעם צימער פון פריץ, אַ פרעמדער מענטש, און האָט דערציילט פאַר דעם איד, איך בין יעצט געקומען פאַרשלאָגן פאַר דעם פריץ אַ גוט געשעפט, אָבער נאָך אַ 'דין ודברים' האָט דער פריץ געפאָדערט פון מיר גאָר אַ הויכן פרייז, און ממילא, איז דאָס געשעפט צווישן אונז נישט צושטאַנד געקומען. דער אמת איז אָבער, אַז אויך פאַר דעם סכום וואָס דער פריץ האָט פאַרלאַנגט פון מיר, איז מיר אויך ווערד צו מאַכן דאָס געשעפט, נאָר צוליב מיין 'כבוד' פאַסט מיר שוין נישט צוריקצוגיין צום פריץ און אונטערשרייבן מיט איהם דאָס געשעפט... דעריבער בעט איך פון דיר, אַז דו זאָלסט זיין מיין 'מעקלער', און צוריקגיין צום פריץ מיט'ן אָנבאָט, און איך וועל דיך שיין באַלוינען דערפאַר...

דאַן האָט דער פרעמדער מאַן דערלאַנגט פאַר דעם אידישן קרעטשמער אַ שיינעם סכום געלט, און ער איז אַריינגעגאַנגען צום פריץ און איהם באַצאָלט דעם גאַנצן חוב... דער ווילנער גאון זצ"ל פלעגט אלע יאָרן באַוואונדערן די פשוט'ע אידן מיט זייער געוואַלדיגע אמונה און בטחון אין באַשעפער...

**ה.** הרב ישראל חסיד, וועלכער איז געווען פון די שטוב מענטשן ביים גאון רבי יוסף שלום אלישיב זצ"ל, דערציילט וויאזוי ס'האָט אויסגעזען דאָס חנוכה לעכט צינדן ביי הרב אלישיב.

אַ האלבע שעה פאַרן צינדן די לעכט, האָט ער אנגעטוהן דעם הוט און אנגעהויבן זאגן דעם 'יהי רצון' וואָס ווערט געברענגט אין 'אוצר התפילות', און איז געווען אַליין ביי זיך אין צימער. עס האָט ארומגענומען אַ ציטער אַלע שטוב מענטשן ווען מ'האָט **געהערט** ווי ער זאגט די ווערטער, "ומשם ישפע שפע לי אני עבדך פלוני בן פלונית לאור באור החיים", זאגנדיג שטילערהייט זיין נאמען און זיין מאמע'ס נאמען.

ואילך פוחת והולך, ובית הלל אומרים יום ראשון מדליק אחת מכאן ואילך מוסיף והולך׳.

**דאַרף** מען פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס חז״ל האָבן מתקן געווען דעם ענין פון די ׳מהדרין׳ און ׳מהדרין מן המהדרין׳, אויף אַן אַנדערן אופן ווי אַזוי מ׳איז מקיים די מצוה, ווי איינער וואָס איז נישט מהדר, אַ זאַך וואָס מ׳טרעפט נישט ביי אַנדערע מצוות. ווי צום ביישפיל ביי אתרוג, וואָס סיי די מהדרין און סיי די וואָס זענען נישט מהדרין נעמען איין אתרוג, נאָר דער וואָס איז מער מהדר נעמט אַ ריינערן און שענערן אתרוג ווי דער וואָס איז נישט פון די מהדרין. אָבער מ׳האָט כמעט נישט געהערט אַז די מהדרין זאָלן נעמען צוויי אתרוגים, וכדומה.

**זאָגט** דער ׳שפת אמת׳ (חנוכה תרס״ד, ד״ה ׳איתא המהדרין׳) אַז דער גאַנצער ענין פון די חנוכה-לעכט איז וועגן די התחדשות אין עבודת ה׳, אויסצורייסן די געוואוינהייטן און נישט טוהן די מצוות ׳כמצות אנשים מלומדה׳. וועגן דעם האָט מען מתקן געווען אַז מ׳זאָל יעדן טאָג צינדן אויף אַן אַנדערן אופן ווי אַ טאָג פריער, כדי מ׳זאָל נישט ווערן ׳צוגעוואוינט׳ צו די הדלקה פון די לעכט׳, נאָר ס׳זאָל יעדן טאָג זיין ביי אים ווי ניי, און ער זאָל יעדעס מאָל צוגיין צו די מצוה מיט אַ נייע התעוררות׳ און פרישע התלהבות.

**דער** אמת איז, אַז יעדער טאָג איז אַ טאָג מיט באַזונדערע השפעות טובות, ווייל יעדן טאָג האָט פאַסירט אַ נס וואָס איז נישט געווען אַ טאָג פריער,

---

ווען ער האָט געזאָגט די בקשה ״גל עיני ונביטה נפלאות מתורתך הקדושה, לכוון לאמיתה של תורה וסודותיה״, האָט מען געקענט שפירן ווי ער בעט זיך פון טיפן הארץ צום באשעפער ער זאָל זוכה זיין מכוון צו זיין לאמיתה של תורה. ווער ס׳האָט אים געהערט זאגן די דאזיגע ספעציעלע תפילה, האָט אליין געקענט פאַרגיסן טרערן.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זאגן דעם ׳יהי רצון׳, האָט ער זיך צוריקגעזעצט לערנען, אָבער ער האָט מער נישט געערדעט, ביז לעכט-צינדן. אין יענע מורא׳דיגע מינוטן זענען די שטוב-מענטשן געשטאַנען אינדרויסן פון די טיר, קיינער האָט נישט געוואגט (אויך נישט די נאָנטע), איהם צו שטערן אין די געהויבענע מינוטן. מען האָט נאָר געוואָגט אַריינצוקוקן אינעווייניג, און אויך דאָס מיט אַ ציטער, און די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען פיל מיט פחד און יראת הרוממות.

נאָכן זאָגן ׳הנרות הללו׳, האָט הרב אלישיב געזאָגט ׳מעוז צור׳, ׳יושב בסתר׳, ׳מזמור שיר חנוכת׳, ׳שיר המעלות לדוד הנה מה טוב׳, און ׳רננו צדיקים׳. דאָס אלעס האָט ער געזאגט זיצנדיג ביי זיין טיש אינדערהיים, און באַלד דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעזעצט לערנען.

אין די לעצטע יאָרן האָט ער מסכים געווען, אויף די בקשה פונעם ציבור, אַז מ׳זאָל זינגען נאָך אַ פּאָר ניגונים פון הודאה צום באשעפער.

**ו.** דער באַקאַנטער חסיד ר׳ שמואל מונקעס זצ״ל, אַ חסיד פון דעם הייליגן בעל התניא זי״ע, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ שול און געהערט ווי אַ מלמד לערנט מיט זיינע תלמידים די ערשטע משנה אין מסכת בבא מציעא, ׳שנים אוחזין בטלית, זה אומר אני מצאתיה וזה אומר אני מצאתיה׳. זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי׳.

האָט ר׳ שמואל זיי געפרעגט: ביים סוף פון הלל זאגט מען צוויי מאל די פסוקים (ווי די גמרא זאגט אין סוכה דף לח.), און אין די סידורים זענען די פסוקים ביים צווייטן מאל געדרוקט אין קלענערע אותיות. אויב אזוי, פארוואָס אין די משנה דא אין מסכת בבא מציעא, וואו דער תנא זאגט אויך אַ דאפלטן לשון, ׳זה אומר אני מצאתיה וזה אומר אני מצאתיה׳, ׳זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי׳, איז עס נישט געדרוקט ביים צווייטן מאל מיט קלענערע אותיות?

פאַרשטייט זיך אַז דער מלמד האָט אנגעקוקט ר׳ שמואל׳ן מיט שטוינונג און נישט געוואוסט וואָס ער וויל דאָ אַרויסברענגען. האָט ר׳ שמואל געענטפערט:

דאָ אין די משנה אין מסכת בבא מציעא שרייט דער ערשטער **מיט אַלע כוחות** ״כולה שלי!״, און דער צווייטער שרייט אויך **מיט אַלע כוחות** ״ניין, נאָר כולה שלי!״. דאָס זעלבע איז ביים צווייטן פאל אין די משנה, שרייען ביידע ״אני מצאתיה״ **מיט אַלע כוחות**. וועגן דעם האָט מען געקענט שרייבן די טענות פון ביידע צדדים מיט **גרויסע** אותיות, ווייל ביידע זענען געזאגט געווארן מיט׳ן זעלבן כח. אָבער ביי די פסוקים פון הלל פירן זיך מענטשן אַז דעם ערשטן טאָג חנוכה זאגט מען מיט אַ הויך קול, ״זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו״, אָבער ביים צווייטן טאָג זאגט מען שוין אביסל שטילער און רואיגער, ״זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו״, צוליב דעם איז עס געדרוקט מיט קלענערע אותיות.

לענינינו, אויב ס'איז אַזוי געזאָגט געווארן ביי געלט זאכן, איז דאָך אַוודאי אַז ביי עבודת הבורא, דאַרף מען אַזוי טוהן. **מ'דארף מקיים זיין די מצוה ביים צווייטן מאל מיט די זעלבע התלהבות ווי ביים ערשטן מאל, און טאקע מיט די זעלבע 'גרויסע אותיות'...**

**ז.** אַמאָל אין אַ זומער-טאָג, איז דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'ישועות משה' זצ"ל, געזעסן ביים ברעג ים און געלערנט אין אַ גרויסע גמרא. אין אַ זייט איז געשטאנען אַ איד וואָס ס'איז געווען קענטיג אַז ער איז ליידער נישט קיין שומר תורה ומצוות. ווען ער האָט געזעהן אַ קבוצה פון חסידישע אידן שטיין דאָרט און אַן אַלטער איד זיצט און לערנט, האָט ער געפרעגט ווער דאָס איז. האָט מען אים געענטפערט אַז דאָס איז דער וויזשניצער רבי.

דער איד, וועלכער איז געווען אנגעטוהן אזוי ווי די פרייע גייען אָנגעטוהן ביים ים... האָט געזאָגט צום גבאי אַז ער דארף רעדן עפעס מיט'ן רבי'ן. האָט דער גבאי געזאגט, "אויב דו וועסט זיין אנגעטוהן ווי אַ מענטש קענסטו קומען אין שיכון וויזניץ, מיר וועלן דיך בכבוד גדול ארייננעמען צום רבי'ן".

## מן הבאר

דער באַקאַנטער חסיד ר' יוסף קאזשעליק ז"ל פון ירושלים, האָט איידער ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, געוואוינט אין דער שטאָט זוועהיל, וואו ער איז געווען אַ חסיד פון הרה"ק ר' שלמה'קע זוועהילער זי"ע. יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט הרה"ק ר' שלמה'קע אין ירושלים, האָט ר' יוסף זיך אראפּגערעדט פון הארץ אַז אין די פריערדיגע יארן ווען ער האָט געוואוינט אין זוועהיל, האָט ער געשפּירט אַ גרויסע התעוררות שבת און יום טוב, אָבער דאָ אין א"י שפּירט ער גארנישט.

האָט הרה"ק ר' שלמה'קע אים געענטפערט מיט אַ משל: ס'איז שווער פאר אַ מענטש צו טראָגן אויף די אַקסל אַ גרויסן עמער מיט וואַסער, אויך אויב ער וועט זיך אנשטרענגען און ער וועט באווייזן עס אריבערצופירן פון איין ארט צום אנדערן, וועט ער שטארק שוויצן און ער וועט קוים באווייזן עס צו טראָגן. אָבער ווען ער טובל'ט זיך אין אַ מקוה, שפּירט ער נישט ווי שווער ס'איז דאָס וואַסער וואָס געפינט זיך העכער אים. פאַרוואָס? דער חילוק איז פשוט: דאָ גייט דער מענטש אַריין **אין דעם וואַסער**, און דאָרט טראגט ער דאָס וואַסער **אויף זיינע אקסלען**. דאָס זעלבע איז מיט דיר - האָט רבי שלמה'קע געזאָגט צו ר' יוסף קאָזשליק - ווען דו האָסט געוואוינט אין חוץ לארץ, ביזטו געווען ווי איינער וואָס טראגט די אורות פון די ימים טובים אויף זיך, ממילא האָסטו געשפּירט די קדושה וואָס געפינט זיך אויף דיינע פלייצעס, דו האָסט געשפּירט די קדושה פונעם יום טוב. אָבער אין ארץ ישראל שפּירסטו גארנישט, ווייל דו ביזט אַזוי ווי איינער וואָס גייט אַריין **'אין' דעם יום טוב...**

ווילן מיר צולייגן, אַז דאָס איז נוגע אויך צו אונז. אָפט מאָל פאר דעם יום טוב חנוכה איז דער מענטש פול מיט התלהבות און התרגשות פונעם יום טוב וואָס גייט קומען, אָבער אינמיטן חנוכה שפּירט ער נישט מער די דאזיגע התרגשות, ווייל ער איז שוין **'אין' דעם יום טוב**, און וועגן דעם שפּירט ער עס נישט אַזוי. **מ'טאָר אָבער נישט ווערן געפאַלן ביי זיך**, אָבער פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען געדענקען אַז מ'געפינט זיך אין גרויסע און הייליגע טעג...

דער איד האָט אָבער נישט מסכים געווען, און האָט געזאגט הויך אויפ'ן קול: "איך וויל שוין אַסאַך יאָרן עפּעס זאגן פאר'ן וויזשניצער רבי'ן!".

וויבאַלד דער איד האָט גערעדט הויך, האָט דער 'ישועות משה' געהערט וואָס ער זאָגט און געפרעגט וואָס ער וויל. האָט דער איד געזאגט:

- וויזשניצער רבי, איך פאָר יעדע וואָך ספּעציעל קיין בני ברק צו קויפן חלות אין "מאפיית וויזניץ"... דאָס איז עפּעס ספּעציעל... איר האָט גאָלדענע הענט, איר באַקט געשמאַקע חלות, געבענטשט זאָלן זיין אייערע הענט...

אַוודאי זעט עס אויס ווי אַ ווערטל. קומט דער נעבעכדיגער איד, ער נעמט אַ גרויסע חסידות מיט די ישיבות און כוללים וואו מ'דינט דעם אויבערשטן טאָג און נאכט, און ער מאכט דערפון אַ בעקעריי... ביז ס'איז געווען קלאר ביי אים אַז דאָס וואָס דער רבי ווערט אנגערופן "וויזשניצער רבי", איז עס אדאנק די בעקעריי ... (געברענגט אין ספר 'שמע תפלתי').

אַזוי ווי יענער 'פרייער' פארשוין, זעט אויס איינער וואָס נעמט די חנוכה טעג, טעג פון נסים ונפלאות בימים ההם בזמן הזה, טעג ווען מ'טוט יעדע נאכט אזא עבודה ווי דער כהן גדול האָט געטוהן אין בית המקדש בשעת הדלקת הנרות, און מ'לייגט עס אריין אין 'לאַטקעס' און ענליכע גשמיות'דיגע נאַרישקייטן...

דאָס איז אויך געזאגט געווארן איבער'ן גאנצן יאר. דער יצר הרע נעמט דעם גאנצן מענטש, זיין הייליגע נשמה, און ער איז גורם אַז דער מענטש זאָל מעסטן וויפיל געלט ער האָט, וויפיל מ'איז אים מכבד, און אזוי ווייטער. **יעדער איד האָט דאך אַ הייליגע נשמה, אַ 'חלק אלוקי ממעל', וואָס ער שטייט דאָ אויף דער ערד און ער שאָקלט מיט אַלע וועלטן. מיט יעדע תנועה שאָקלט ער די גאַנצע וועלט, און ער איז אַ 'מרכבה' פאר די שכינה, און דאָס איז זיין אמת'ער ווערד.** מ'מעסט דעם מענטש לויט וויפיל שייכות ער האָט מיט תורה און מעשים טובים.

קומט אָבער דער יצר הרע און ער שטעלט אריין די גאנצע ווערט פונעם מענטש אין דעם וויפיל געלט ער האָט אָדער וויפיל כבוד ער באקומט... **מ'דארף וויסן די אמת'ע ווערד פון אַ איד!**

אַ חשוב'ער איד האָט געזאָגט אַ טייער וואָרט, בהקדם מיט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט לאַנגע יאָרן צוריק אין דער שטאָט חיפה וואו ער וואוינט. אַן עלנדער צובראָכענער איד האָט געוואוינט אַליין, 'כולו אומר עניות דלות ואביונות' רח"ל. ער איז אייביג אַרומגעגאַנגען 'צעריסן און צעשליסן', און ער איז אויך געווען אַן 'עני בדעת'.

פאַר זיין 'פרנסה', האָט דער איד געפלעגט זאַמלען נדבות ביי יעדער געלעגנהייט, אין די הייזער און אויף די גאַסן, אין שול און ביי שמחה א.א.וו. אַלע האָבן טאַקע רחמנות געהאַט אויף איהם, זעהענדיג ווי ער קוקט נעבעך אויס, און מ'פלעגט איהם געבן נדבות. איין טאָג האָט דער איד וואָס דערציילט די מעשה, געזעהן דעם אָרימאַן שטיין אין באַנק, און רעדן מיט - נישט מער און נישט ווייניגער... - דעם דירעקטאָר פון דער באַנק, בכבודו ובעצמו... זיי זענען געשטאַנען און גערעדט אַ לענגערע צייט.

די דאָזיגע סצענע האָט זיך איבערגע'חזר'ט יעדע עטליכע טעג. האָט יענער תלמיד חכם פּרובירט 'אויסרעכענען', **וואָס האָט דער אָרימער איד מיט'ן דירעקטאָר פונעם באַנק... מוז מען דאָך בעל כרחך זאָגן - האָט ער ביי זיך געטראַכט - אַז יענער 'אָרימאַן' איז מסתמא גאָרנישט אַזוי אָרים ווי ער זעהט אויס...** ער איז נישט 'תוכו כברו'... וויבאַלד, אָבער, דער באַנק-דירעקטאָר האָט נישט געוואָלט אַז זיין שיינער אָפיס זאָל פאַרשמירט ווערן דורך יענעם 'קבצן', האָט ער זיך מטריח געווען אַרויסצוגיין אויפ'ן גאַס צו רעדן מיט איהם.

**ממילא, אויב עס איז 'ווערד' געווען פאַר דעם דירעקטאָר בכבודו ובעצמו אַרויסצוגיין פון זיין אָפיס, און 'אַראָפּנידערן' 'מן ההר אל העם', זעהט מען דאָך קלאָר אַז יענער כלומר'שטער 'אָרימאַן' איז גאָרנישט אַזוי 'ארים', נאָר ער איז אַן עושר אדיר, וואָס דער דירעקטאָר פון דער באַנק האָט פון איהם גרויסע 'פאַרדינסטן'...** (זינט דאַן, האָט דער איד טאַקע אויפגעהערט צו געבן איהם געלט פאַר 'צדקה').

און 'חכם עדיף מנביא', ווען דער 'אָרימאַן' איז געשטאָרבן האָט מען געפונען אין זיין דירה גאַנצע 'בערג' מיט גאָלדענע שטיקער (Gold Bars), און עס האָט זיך טאקע אַרויסגעשטעלט אַז יענער איד האָט געהאַלטן אינעם באַנק נאך אַסאך פון די שטיקער גאָלד...

דער לימוד פון די מעשה מיט דעם איד און דעם באַנק דירעקטאָר איז, לעניינינו, לגבי די טעג פון חנוכה. דער רמב"ם ז"ל שרייבט אַז די מצוה פון צינדן חנוכה-לעכט איז 'מצוה חביבה עד מאד', ווייל דער אויבערשטער נידערט אַראָפּ צו אונז למטה מעשרה טפחים... דאָס הייסט, **ער ווייזט אַרויס פאַר אונז זיין ליבשאַפט, אַז ער האָט כביכול ריזיגע פאַרדינסטן, אויף אַזוי ווייט, אַז עס לוינט זיך פאַר דעם אויבערשטען כביכול איבערצולאָזן די אויבערשטע וועלטן, וואו עס געפינען זיך די מלאכים, שרפים, און אופנים, און אַראָפּנידערן 'למטה מעשרה', צו דער אונטערשטער וועלט. פון דעם קען יעדער איינער פון אונז זעהן ווי ווייט מ'האַלט חשוב זיין חנוכה-לעכט צינדן...**

אגב, קען מען אויך לערנען אַ מוסר השכל אויפ'ן גאַנצן יאָר, אַז אויב עס איז כדאי און 'ווערד' פאַר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא כביכול בכבודו ובעצמו, זיך צו 'פאַרנעמען' מיט אַזעלכע נידעריגע באַשעפענישן ווי מיר זענען, 'קרוצי חומר' און בשר ודם'ס, איז דאָך זיכער אַז מיר זענען 'גבירים אדירים', און עס לוינט זיך דאָס 'געשעפט' פאַר דעם באַשעפער כביכול, וויבאַלד ער האָט פון אונז גרויסע פאַרדינסטן...

און לאָמיר זיך באַטראַכטן, דער אויבערשטער כביכול איז 'העכער' פון אונז, אַסאַך מער ווי מיר קענען 'שאַצן' די וויכטיגקייט פון יענעם באַנק דירעקטאָר... און פון דער צווייטער זייט, זענען מיר דאָך אַסאַך 'נידעריגער' ווי יענער כלומרש'טער 'קבצן', און מיט דעם אַלעם, איז עס ווערד פאַר דעם אויבערשטען כביכול אַראָפּצונידערן צו

און נישט נאָר דאָס, נאָר דער נס איז כסדר געוואַקסן מער און מער, ווי תוספות זאָגט (תענית כח: ד"ה 'ויום טוב') אַז חנוכה איז דער דין אַז מ'דאַרף זאָגן גאַנץ הלל, ווייל אַלע אַכט טעג איז דער נס כסדר גרעסער געוואָרן, אַזוי אַז יעדער טאָג איז געווען אַ באַזונדערער יום טוב.

**ענליך** שרייבן דער 'בית יוסף' און דער ב"ח (סי' תרע"ג) אַז יעדן טאָג איז דער נס באַנייט געוואָרן און עס האָט זיך געשטאַרקט, און צוליב דעם טעם זאָגט דער 'כל בו' (סימן מ"ד) אַז מ'פירט זיך צו טוישן די קנויטן יעדן טאָג, ווייל יעדע נאַכט האָט דער נס זיך באַנייט. קומט אויס אַז מען דאַרף יעדן טאָג דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטן מער ווי מ'האָט געלויבט דעם אייבערשטן ביז יעצט, ווייל ער האָט געטוהן מיט אונז אַ חסד אין דעם טאָג מער ווי אין די פריערדיגע טעג.

**און** וואָס גרעסער ס'איז דער אור פונעם נס, אַזוי דאַרף מען האָבן אַ גרעסערע הכנה צו דעם טאָג, און אַוודאי און אַוודאי זאָל מען נישט זיין 'פוחת והולך' ח"ו ביים צינדן...

**דלא למיספד בהון - חנוכה איז אַ זמן פון שמחה, הלל והודאה**

**'לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה'** (שבת כא:).

**זאָגט** דער 'שפת אמת' (חנוכה, ליקוטים, ד"ה 'קבעום'), אַז חז"ל זאָגן נישט קבעום 'להלל ולהודאה', נאָר 'בהלל והודאה', ווייל דער יום טוב אַליין ווערט באַשטימט דורך הלל און הודאה. נאָר אַזוי איז מען מעורר די ניסים וואָס זענען דעמאָלס פאָרגעקומען, אַז מ'זאָל נאָך אַמאָל זוכה זיין דערצו בזמן הזה, יעדן יאָר פונדאָסניי.

**דער** חיוב צו זאָגן הלל אין יום טוב חנוכה, איז 'מדברי קבלה', פון די נביאים, ווי די גמרא זאָגט (פסחים קיז.) די נביאים האָבן מתקן געווען, מ'זאָל זאָגן הלל יעדעס מאָל ווען מ'ווערט אָפּגעהיטן פון אַ צרה. און ווען מ'ווערט אויסגעלייזט, זאָגט מען עס אויף די אויסלייזונג.

**עס** זענען דאָ ראשונים וואָס האַלטן, אַז חנוכה איז אַ חיוב מן התורה צו זאָגן הלל. אַזוי שרייבט דער גאון רבי ירוחם פישל פערלא זצ"ל, אין זיין פירוש אויפ'ן 'ספר המצוות' פון רבי סעדיה גאון (מ"ע נ-ס, ע' רנח, ד"ה 'וראיתי'), אַז צו זאָגן הלל איז מדאורייתא, און דעריבער דאַרף יעדער איינער זיך 'אונטערגאַרטלען', מקיים צו זיין די מצוה מיט אַ באַזונדערע התעוררות און שמחה[ח].

**און** באַטש מ'זאָגט הלל אַכט טעג ברציפות, זאָל מען עס זאָגן יעדן טאָג מיט אַ התחדשות און התלהבות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטש וואָס שטייט און לויבט דעם באַשעפער פאַר זיינע וואונדערליכע ניסים.

**די** חשיבות פון זאָגן הלל אין חנוכה, קען מען זעהן פון דעם וואָס דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט להלכה (הגהות 'חכמת שלמה', או"ח סי' תרפג), איבער אַ שאלה פון אַ איד וואָס איז חנוכה געווען איינגעשפּאַרט אין תפיסה און מ'האָט איהם געגעבן די ברירה מקיים

---

אונז. ממילא, טאָרן מיר נישט אַריינפאַלן אין יאוש און נישט צובראָכן ווערן אויב עס איז פאַר אונז שווער די אַרבעט, און מ'זאָל נישט טראַכטן אַז דער אויבערשטער איז נישט אינטערעסירט אין אונזער עבודה.

**ח.** דער טשעבינער רב זצ"ל, האָט איינמאָל חנוכה אינדערפרי פאַר'ן דאַווענען, געזאָגט צום אָנוועזנדן עולם אין ביהמ"ד, **אַז מ'דאַרף אין זינען האָבן ביים זאָגן הלל אין חנוכה, מער ווי ראש חודש, צו זאָגן הלל מיט אַ נעימות און מיט אַ פריילך הארץ**, ווייל חנוכה איז דאָך אַ חיוב מדברי קבלה צו זאָגן הלל, אָבער ראש חודש איז נאָר אַ חיוב מדרבנן, אַלס 'מנהג אבותינו בידינו' (תענית כח:). אין מסכת סופרים (פ"כ ה"ט) **וואָס** איז דער מקור פון דעם דין צו זאָגן הלל אין חנוכה, ווערט געברענגט, אַז **מ'דאַרף זאָגן הלל 'בנעימה'. איז משמע, אַז דער עיקר תקנה פון הלל איז צו זאָגן עס מיט געזאַנג.**

אַמאָל חנוכה, איז געברענגט געוואָרן קיין צאַנז אַ 'דיבוק' רח"ל, צום הייליגן 'דברי חיים' זי"ע. דער צאַנזער רב האָט באַפוילן אַריינצוברענגען דעם 'דיבוק' אין שול **ווען מ'וועט זאָגן הלל ביי שחרית**. תיכף ווען מ'האָט אַריינגעברענגט דעם 'דיבוק' אין בית המדרש, איז ער אַרויסגעפלויגן דורכ'ן פענצטער.

כאָטש 'אין לנו עסק בנסתרות', קענען מיר אָבער אַרויסלערנען פון די מעשה, אַז מיט'ן זאָגן הלל ווי ס'דאַרף צו זיין, קען מען אויסוואַשן די נשמה און עס אָפּרייניגן פון אַלע פגמים, וואָס זענען אַזוי ווי 'דיבוקים' רח"ל, אמן, כן יהי רצון.

צו זיין נאָר איין מצוה, צינדן חנוכה-לעכט, אָדער דאַווענען שחרית און זאָגן הלל והודאה בציבור - איז די שאלה געווען, וועלכעס פון די צוויי זאַכן איז וויכטיגער.

**אַ** צווייטע שאלה האָט מען איהם אָנגעפרעגט, איינער וואָס גייט אין וועג אין צייט פון צינדן חנוכה לעכט, און ער איז אָנגעקומען אויף אַן אָרט וואו עס זענען דאָ לעכט צו צינדן, אָבער אויב ער וועט זיך דאָרט אויפהאַלטן צו צינדן, וועט ער צומאָרגנס אינדערפרי נישט קענען אָנקומען צום ביהמ"ד צו דאַווענען בציבור.

**און** רבי שלמה קלוגער פירט אויס, אַז תפילה 'בציבור' מיט הלל והודאה, איז וויכטיגער, ווייל דער יום טוב חנוכה איז בעיקר געשטעלט געוואָרן אויף הלל און הודאה[ט].

**אַזוי** שרייבט אויך דער רמב"ם (הל' חנוכה, פ"ג ה"ג) אַז די חכמים פון יענעם דור מתקן געווען אַז די אַכט טעג חנוכה, זאָלן זיין טעג פון שמחה והלל. לויט דעם, שרייבט דער 'טורי זהב' (סי' עת"ר סק"ד) אַז ס'איז דאָ אַ מצוה זיך צו פרייען אין חנוכה.

**אַזוי** שרייבט אויך דער 'סדר היום', אַז אין חנוכה טאָר מען נישט זיין טרויעריג', נאָר מ'דאַרף אַרויסווייזן פרייליכע געפילן, פאַר אַלע טובות וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אונז געטוהן אין די טעג.

### שבת חנוכה - ראש חודש טבת

**הרה"ק** רבי הענין פון אלכסנדר זי"ע האָט געזאָגט ('חשבה לטובה', חנוכה): 'די גוטע אידן זאָגן, אַז

---

**ט.** מיר געפינען נישט אַ תקנה פון חז"ל צו דערמאנען דעם ענין פון חנוכה, אין די ברכה 'מעין שלש'. עס קען זיין א רמז, אַז מ'קען נישט לויבן דעם אויבערשטען **'בקיצור'**, אָדער נאָר **'מעין'**, אַזוי ווי 'מעין שלש' (וואָס איז נאָר אַ קיצור, און 'מעין' פון ברכת המזון), **נאָר מ'דאַרף אַסאַך דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער ברוך הוא.**

עס איז באַקאַנט, אַז הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע האָט זיך געפירט, אַז ווען ער האָט עמיצן געוואָלט דאַנקען פאַר אַ טובה וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן, איז ער איהם נאָכגעגאַנגען כדי איהם אַליין צו דאַנקען. ווען די מקורבים האָבן געפרעגט דעם הייליגן בעלזער רב זי"ע, דער רבי שיקט דאָך שליחים פאַר אַסאַך זאַכן, קען ער דאָך אויף דעם אויך ממנה זיין אַ שליח, עס זאָל נישט אָנקומען אַזוי שווער (צו דאַנקען פערזענליך דעם וואָס האָט געטוהן די טובה). האָט דער בעלזער רב געענטפערט, מיר געפינען אַז אויך ביי חזרת הש"ץ, זאָגט מען 'מודים דרבנן', ווייל **זיך באַדאַנקען פאַר אַ טובה, דאַרף דער מענטש אַליין. מ'איז נישט יוצא דעם חיוב דורך שיקן שליחים** (זעה 'אליהו רבה', סי' קכז, סק"א).

אַזוי טייטשן די ספרים אויך דעם מנהג ישראל, אַז יעדער איינער פון די בני בית צינדט אַליין חנוכה לעכט, אַזוי ווי די שיטה פון 'המהדרין מן המהדרין', כאָטש מעיקר הדין איז גענוג 'נר איש וביתו'.

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז נר חנוכה אַנדערש פון אַנדערע מצוות, וואו איין מענטש קען מוציא זיין אַנדערע מענטשן מיט'ן חיוב פון די מצוה. איז דער תירוץ, ווייל **מ'צינדט דאָך די לעכט 'כדי להודות ולהלל לשמך הגדול'**, אַזוי ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הלכות חנוכה פ"ג, ה"ג) אַז מ'צינדט די חנוכה לעכט ביי די טיר, 'להראות ולגלות הנס'. ממילא, איז עס אַ חיוב אויף יעדן איינעם, און **עס איז נישט גענוג יוצא צו זיין מיט די הודאה פונעם בעל הבית אַליין...**

עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' תרע"ג ס"א, ובהג"ה) אַז אַלע אוילן זענען כשר צו צינדן דערמיט חנוכה לעכט, אָבער שמן זית איז אַ 'מצוה מן המובחר'.

קען מען זאָגן אַ רמז דערין, לויט ווי עס שטייט אין ספה"ק 'ייטב לב', אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן (תפילת נשמת) **ש**'כן **ח**'ובת **כ**'ל **ה**'יצורים, ראשי תיבות שכח"ה. ס'איז דער שטייגער פון מענטשן צו פאַרגעסן פון דעם חיוב להודות ולהלל... **צוליב דעם צינדן מיר חנוכה לעכט מיט שמן זית, וואָס איז מסוגל צו אַ גוטן זכרון** [ווי די גמרא זאָגט (הוריות יג:)], **צו פאַרמיידן די שכחה וועגן דעם 'חובת כל היצורים' צו דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער...**

**י.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'תולדות הצדיק רבי יוסף זונדל מסלנט' (ע' טז) אַז רבי זונדל סאַלאַנט זצ"ל האָט אַמאָל חנוכה געשמועסט מיט אַנדערע אידן, און איינער האָט דערמאנט אַן ענין פון צער. האָט רבי זונדל געזאָגט, **מ'טאָר נישט דערמאנען חלילה אַ זאַך וואָס איז גורם צער אין די יעצטיגע טעג**, ווייל חז"ל האָבן שוין גע'אסר'ט צו זאָגן אַ 'הספד' אין די טעג פון חנוכה.

דער שבת איז אַ גרויסער שבת[יא], ווען מ'קען משיג זיין נאָך מער און שטאַרקער די ריינע אמונה אין דעם אויבערשטען ברוך הוא'.

**און** הרה"ק רבי העניך האט דאָס ערקלערט, ווייל באמת, איז דאָך דאָ יעדן שבת אַ התגלות אלוקית, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות לא, יג) 'אך את שבתותי תשמורו וגו' לדעת כי אני ה' מקדישכם'. זעהען מיר אַז אין דעם הייליגן טאָג פון שבת האָט יעדער איד די געלעגנהייט זוכה צו זיין צו 'דעת', און משיג זיין די אמונה אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט.

**דאָס** זעלבע איז אויך ביי חנוכה, ווי מיר זעהען אַז די 'אנשי כנסת הגדולה' האָבן מתקן געווען צוצולייגן ביי די תפילות פון חנוכה די ווערטער 'מסרת גיבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, גאַנץ רעכט אויף 'גיבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים', פאַרשטייט מען אַז עס איז אַ שבח פאַר דעם אויבערשטען אַז ער האָט פאַר אונז באַוויזן אַזאַ גרויסן נס אַז ווייניג און שוואַכע מענטשן זאָלן באַזיגן שטאַרקע מענטשן וואָס זענען געווען פילפאַכיג מער פון זיי, ווייל געווענליך, מיט'ן דרך הטבע, זיגן די שטאַרקע און פילע איבער די שוואַכערע און ווייניגערע, און דאָ האָבן געזיגט די שוואַכע און ווייניגע. אָבער דאָס וואָס מיר זאָגן 'וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך', איז שווער, צי דען ווייל זיי זענען טמאים און רשעים זענען זיי נעגטער צום נצחון מצד די טבע, אַז מ'זאָל דאַרפן דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער דערפאַר?!

**נאָר** עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים (אַזוי שרייבט אויך דער 'קדושת לוי' זי"ע), אַז דאָ רעדט מען פון צוויי באַזונדערע זאַכן. אין אָנהייב לויבן מיר דעם אויבערשטען פאַר דעם נס וואָס די שוואַכע און ווייניגע האָבן געזיגט, און שפעטער דאַנקען מיר פאַר דעם וואָס די רשעים האָבן תשובה געטוהן און זענען געוואָרן צדיקים, און אויך די טמא'נע מענטשן זענען געוואָרן טהור, און די 'זדים' זענען געוואָרן 'עוסקי תורתך', ווייל צוליב די גרויסע אַנטפּלעקונג פון געטליכקייט וואָס איז געווען אין יענע טעג, האָבן אַסאַך אידן תשובה געטוהן.

**אט** די זעלבע התעוררות ווערט נתעורר יעדעס יאָר אין די טעג פון חנוכה, 'בימים ההם בזמן הזה', און צוליב דעם, קען יעדער איד גלייבן אין חנוכה אין דעם באַשעפער ברוך הוא. ממילא, ווען ביידע זאַכן קומען צוזאַמען[יב], אַז דער שבת קודש ווערט צוזאַמענגעשטעלט מיט די קדושה פון חנוכה, איז עס אַוודאי אַ 'גרויסער שבת'.

**אַזוי** האָבן מיר שוין איבערגעזאָגט פון הייליגן רוזינער זי"ע, אַז ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי שלום שכנא פון פּראָבישט זי"ע (געברענגט אין ספר 'מרגניתא דבי רבנן', פרשת בראשית, אין נאָמען

---

**יא.** הרה"ק בעל 'בית אברהם' מ'סלאנים זי"ע, האָט געזאָגט אַ רמז אויף שבת חנוכה, אין דעם זמר 'לכה דודי', וואָס מיר זינגען 'התעוררי התעוררי כי בא **אורך** קומי **אורי**'. 'אורך' איז די אותיות **אור כ'**. דאָס איז אַ רמז אויף די **שבת-לעכט**, וואָס מ'קען צינדן אויך העכער פון 20 איילן. 'אורי' איז מרמז אויף **אור י'** - דאָס זענען די **חנוכה-לעכט**, וואָס מ'דאַרף צינדן דייקא נידעריגער פון צען טפחים. ווען ביידע אורות ווערן צוזאַמענגעשטעלט, קען זיך קיינער נישט פאַרגלייכן צו דעם גרויסן הייליגן אור, וועגן דעם זינגען מיר 'התעוררי, התעוררי'...

**יב.** אַ חסיד וואָס איז געקומען צו פאָרן אויף שבת חנוכה וואָס איז אויך געווען ראש חודש, צו הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע, איז פון גרויס מידקייט איינגעשלאָפן שבת ביי מיטאָג אויף אַ באַנק אין בית המדרש. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָבער ערוועקט און אויסגערופן מיט אַ 'ברען': '**אָה, שבת, שבת**'. דאַן האָט ער ווייטער איינגעדרימלט עטליכע מינוט, און דערנאָך האָט ער זיך ווידעראַמאָל ערוועקט און געזאָגט מיט התרגשות, '**אָה, שבת חנוכה**'. עטליכע מינוט שפעטער האָט ער זיך ערוועקט, און געזאָגט מיט התרגשות: '**אָה, שבת ראש חודש**'.

הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אַ יונג קינד, האָט עס באַמערקט, און ער איז אַריינגעלאָפן צו זיין טאַטן, הרה"ק רבי אשר זי"ע, און איהם גערופן צו קומען אין ביהמ"ד, כדי צו זעהן ווי דער חסיד שלאָפט... ווען דער רבי האָט געזעהן דעם חסיד, האָט ער זיך אָנגערופן (נאָכ'ן באַטראַכטן איהם אַ לענגערע צייט): '**אוי, שלאָפט ער ווי אַ איד**'..! (דאָס מיינט, אַזוי דאַרף אַ איד טאַקע שלאָפן).

פון אַ איד וואָס האָט עס געהערט פונעם הייליגן רוזינער זי"ע), אַז אַלע שבתים ביז שבת חנוכה, זענען אין דער בחינה פון 'והארץ היתה תוהו ובוהו', אָבער פון שבת חנוכה און ווייטער, איז אַ בחינה פון 'ויאמר אלוקים יהי אור ויהי אור', עס ווערט אַנטפּלעקט דער אור פון שבת קודש דורך די חנוכה-לעכט.

**ווער** רעדט נאָך ווען שבת חנוכה איז ראש חודש טבת, איז דער זמן ממש 'גבוה מעל גבוה', ווי דער אַלטער סאַדיגערער רבי הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער שבת איז דאָך 'קביעא וקיימא', און עס איז אַ מתנה וואָס דער אויבערשטער האָט געשאָנקען פאַר אידישע קינדער, און ראש חודש איז פאַרקערט, די אידן באַשטימען ראש חודש לויט דעם בית דין, ממילא איז עס ווי זיי געבן אַ מתנה פאַר דעם אויבערשטען כביכול, און אויב אַזוי, ווערט יעדער איד אין שבת וואָס איז אויך ראש חודש, אַ 'מחותן' מיט'ן באַשעפער ברוך הוא כביכול.

**'זאת' היתה לי - די גרויסע און הייליגע קדושה פון זאת חנוכה**

**דער** עיקר און דער 'שפּיץ' פון די לעכטיגע טעג פון יום טוב חנוכה, איז דער טאָג פון 'זאת חנוכה', ווי עס שטייט אין ספה"ק 'בית אהרן' (מב.), אַז הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע האָט געזאָגט, דער עיקר נס איז געווען אין אַכטן טאָג. באַטש דער נס האָט פּאַסירט אַלע זיבן טעג, אָבער דער עיקר איז דער אַכטער טאָג, וואָס איז העכער פון זיבן, ווי די וועלט זאָגט ווענגן אַ נס, 'דער נס איז איבער דער וועלט'.

**דער** הייליגער אָסטראָווצער זי"ע האָט געזאָגט, עס האָט שוין פּאַסירט אויף דער וועלט אַז אַ לעכטל זאָל ברענען זיבן טעג, ווי מ'געפינט ביי שרה אמינו ע"ה אַז

**מן הבאר**

גאָר גרויס און הייליג איז דער שבת חנוכה, ווען עס קומט צוזאַמען מיט ראש חודש, ווי דער 'בית אברהם' ברענגט, אַז דער הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע האָט געזאָגט, אַז **שבת חנוכה וואָס איז אויך ראש חודש, איז אין דער בחינה פון ראש השנה**, ווען מ'עפענט דריי ספרים, און שבת חנוכה לייענט מען דאָך אויך אין דריי ספרים, און אויך איז דאָס וואָרט 'מתתיהו' בגימטריא 861, אַזוי ווי 'ראש השנה'.

אַזוי ווערט אויך געברענגט אין ספר 'אמרי פנחס' השלם (לארבע פרשיות), אַז ווען מ'נעמט אַרויס צוויי ספרי תורה צו לייענען דערין, שיינט אַ גרויסע לעכטיגקייט, און **ווען מ'נעמט אַרויס דריי ספרי תורה צו לייענען, 'איז דער אור גאָר גאָר גרויס'.**

מיר וויסן דאָך אַז **ביי פתיחת הארון איז אייביג אַן עת רצון**, ווי דער זוהר הקדוש שרייבט באריכות (ח"ב רו.), און טאַקע דערפאַר האָט מען מתקן געווען צו זאָגן די תפילה פון 'בריך שמיה'.

הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע פון ליובאַוויטש, ברענגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל התניא פון לאַדי זי"ע, אַז ער האָט מקבל געווען פון זיין רבי'ן, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, אַז ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז **די תפילות און בקשות וואָס אַ מענטש איז מתפלל ביי 'פתיחת הארון', מוזן ערפילט ווערן, אָדער אינגאַנצן, אָדער טיילווייז.**

ווען שבת חנוכה פאַלט אויס אין ראש חודש, און מען נעמט ארויס דריי ספרי תורה, איז דעמאָלס גאָר אַ גרויסער 'עת רצון' אין הימל, און עס ווערן געעפענט די שערי רחמים אין הימל, און יעדער איד קען דעמאָלס אויס'פּועל'ן גאָר גרויסע ישועות.

דער אמת איז אָבער, אַז אויך איינער וואָס שפּירט אַז ער איז נישט אין אַזאַ הויכע מדריגה, צו 'שלאָפן ווי אַ איד', אַזוי ווי יענער געהויבענער חסיד ביים הייליגן סטאָלינער זי"ע, דאַרף אָבער **וויסן און געדענקען** אַז עס זענען אַמאָל געווען אידן וואָס האָבן געדינט דעם אויבערשטען אויף אַזאַ אופן, און די ימים טובים זענען זיי 'אַריין אין די ביינער', ווי מ'זאָגט. אויך ביים שלאָפן, האָבן זיי געדענקט וועגן די הייליגקייט פון דעם זמן, און ממילא, איז עס נישט קיין וואונדער אַז זיי האָבן זיך אַזוי הויך דערהויבן פון דעם גרויסן אור פון 'שבת חנוכה', ווער רעדט נאָך אויב עס פאַלט אויס אויך ראש חודש, אַזוי ווי היי יאָר.

די לעכט האָבן געברענט פון איין שבת ביז'ן קומענדיגן שבת, אָבער אַז עס זאל ברענען אַכט טעג געפינען מיר נאָר ביי חנוכה. ווען די לעכטלעך האָבן געברענט אין אַכטן טאָג, האָבן אַלע געזעהן אַז עס איז אַ נס העכער פון דעם סדר הנהגה, און העכער פון דרך הטבע, וואָס קומט אונז לערנען אויף די אַנדערע טעג אַז אלעס איז די צאל פון אַכט. אָבער על כל פנים, 'זאת חנוכה' איז אַוודאי דער שטאַרקסטער טייל פונעם נס.

**צדיקים** האָבן געברענגט אַ ראיה דערצו פון דעם סדר פון קריאת התורה אין די חנוכה-טעג. אַלע אַכט טעג לייענט מען פון דעם ענין פון די נשיאים, אָבער "זאת חנוכה" לייענט מען "בהעלותך את הנרות", וואָס איז ממש מענינא דיומא, ווען צינדן די לעכט, כדי אונז צו לערנען אַז דער עיקר פון די הארות פון חנוכה איז אין דעם טאָג.

**דער** "שפת אמת" איז מוסיף (חנוכה תר"מ, ד"ה 'אא"ז'), אַז יעדן טאָג פון חנוכה לייענט מען וועגן דעם קרבן וואָס איינער פון די נשיאים האָט מקריב געווען. אָבער אינעם אַכטן טאָג לייענט מען וועגן אַלע קרבנות, "קערות כסף שתים עשרה" וגו'. פון דעם זעהען מיר אַז דער לעצטער טאָג פון חנוכה איז בולל אין זיך די הארות פון אַלע אַנדערע טעג.

**דער** 'שפת אמת' שרייבט (חנוכה תר"מ, שם) אַז זאת חנוכה איז אַזוי ווי שמיני עצרת, וואָס ווערט אנגערופן 'עצרת', ווי רש"י ברענגט (ויקרא כ"ג, ל"ו) אין נאָמען פון חז"ל, אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט איינגעלאַדנט זיינע קינדער צו אַ סעודה אויף עטליכע טעג. ווען ס'איז געקומען די צייט פאַר זיי זיך צו געזעגענען פאַר'ן צוריקפאָרן אהיים, האָט דער קעניג זיי געזאָגט, מיינע קינדער, איך בעט אייך, האלט זיך אויף מיט מיר נאָך אַ טאָג, ווייל ס'איז מיר שווער זיך צו געזעגענען פון אייך.

**זאָגט** דער 'שפת אמת', אין פרשת אמור שטייט די פרשה פון יום טוב סוכות נעבן דעם ציווי פון אָנצינדן די מנורה, ווייל באלד נאָך די פסוקים פון יום טוב סוכות שטייט (ויקרא כג, ב) 'ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור', און דער 'רוקח' ברענגט (אנהייב הלכות חנוכה), אַז מ'האָט באַשטימט אַכט טעג חנוכה אַזוי ווי דער יום טוב סוכות וואָס האָט אויך אַכט טעג, קומט אויס אַז 'זאת חנוכה' האָט דעם זעלבן ענין אַזוי ווי שמיני עצרת, און וועגן שמיני עצרת זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ג לב.) אַז אין יענער צייט פון שמחה געפינען זיך ביים קעניג נאָר די אידן אַליין, און דער וואָס זיצט מיט'ן קעניג קען באַקומען אלעס וואָס ער בעט פון אים, קומט אויס אַז אויך אויף זאת חנוכה איז דא די זעלבע זאך, 'כל מאי דבעי שאיל ויהיב ליה'[יג].

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז זאת חנוכה האָט אַ קדושה ווי יום כיפור, ווי דער ווילנער גאון זצ"ל שרייבט (אויף'ן תיקוני זוהר) אַז חז"ל האָבן באַשטימט צו זאָגן גאַנץ הלל[יד], אַלע אַכט טעג פון חנוכה, אַנטקעגן די אַכט טעג אין יאָר וואָס מ'וואָלט געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל און מ'זאָגט האלב הלל. קומען די טעג פון חנוכה און זענען משלים די אַנדערע טעג.

---

**יג.** לויט דעם קען מען פאַרענטפערן די קשיא פון בית יוסף (סי' עת"ר) וואָס ער פרעגט פאַרוואָס מיר האלטן דעם יום טוב חנוכה אַכט טעג, דער נס איז דאָך געווען נאָר זיבן טעג, ווייל אויף איין טאָג איז געווען גענוג אויל אין די מנורה, וואָלט מען באמת געדאַרפט האלטן נאָר זיבן טעג, ווייל דער נס איז נאָר געווען זיבן טעג. **אָבער וויבאַלד דער אויבערשטער בעט פון אונז, "עכבו עמי עוד יום אחד" - בלייבט מיט מיר נאָך איין טאָג, און צוגאָב צו די זיבן טעג פון חנוכה, און אין דעם טאָג פון זאת חנוכה טוט דער אויבערשטער זיך מייחד זיין מיט כנסת ישראל מיט אַ גאָר געהויבענעם יחוד, און די מקטרגים און משטינים האָבן דעמאלס נישט קיין רשות זיך צו געפינען דאָרט, ממילא טוט דער אויבערשטער ערפילן אַלע אידישע בקשות לטובה ולברכה.**

**יד.** אגב, וועגן זאָגן הלל אין די טעג פון חנוכה, שרייבט דער 'שפת אמת' (ליל ו' דחנוכה שנת תרל"ג) אַז ס'איז דא אַ נקודה פנימית אין יעדן איד וואָס דאָרט קען אַ פרעמדער נישט צורירן, נאָר מ'דאַרף זעהן אַז די דאָזיגע נקודה זאָל זיך אויסשפרייטן אינעם גאנצן מענטש, און **דורך הלל והודאה** קען מען אריינברענגען די נקודה אינעם גאנצן נפש, נאָך דעם ווי דער מענטש פרייט זיך מיט די נקודה הפנימית און ער דאנקט דעם אויבערשטן פאַר דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין אַ טייל פון כלל ישראל, מיט אט דעם חשק קען מען אויסברייטערן די נקודה.

די אַכט טעג פון יאָר וואָס מ'זאָגט נישט גאַנץ הלל זענען די זעקס טעג פון יום טוב פון פסח, ראש השנה און יום כיפור, וואָס מ'זאָגט נישט קיין הלל, ווייל ווען דער אויבערשטער טוט משפט'ן די וועלט און "ספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו", קען מען נישט זאָגן שירה (הלל). איז משמע אין חז"ל (ר"ה לב:) אַז ווען נישט דאָס וואָס "ספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו", וואלט מען געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל אין ראש השנה און יום כיפור. קומט אויס אַז די ערשטע זעקס טעג פון חנוכה זענען משלים צו די טעג פון פסח, דער זיבעטער טאָג פון חנוכה איז משלים צו ראש השנה, און זאת חנוכה איז אנטקעגן יום כיפור.

**דער** מהר"ל שרייבט (נר מצוה ח"ב) אַז חנוכה ווערט די וועלט געפירט אויף אַן אופן העכער פון דרך הטבע, ווייל ביי די הנהגה פון טבע געפינען מיר נאָר די צאָל זיבן, אַזוי ווי זיבן טעג פון דער וואָך, א.ד.ג. יעדע זאַך וואָס איז העכער פון דער צאָל זיבן איז העכער פון די טבע, און אַזוי ווי חנוכה האָט די צאָל פון אַכט, איז די גאַנצע השפעה פון נסים ונפלאות, העכער פון די הטבע.

**לויט** דעם קען מען זאָגן, אַז זאת חנוכה, וואָס איז דער אַכטער טאָג פון דעם יום טוב, איז אַ פנימיות פון "שמיני שבשמינית", וואָס ווייזט אויף אַ דאפּלטע הנהגה העכער פון די טבע, 'גבוה מעל גבוה'[טו], קומט אויס אַז ס'איז אַ טאָג פון וואונדערליכע ניסים.

**אַזוי** האָט הרה"ק מהר"ש (הראשון) מבאָבוב זי"ע געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קיח, כג) "מאת ה' היתה זאת

---

דער הייליגער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע האָט געזאָגט (דברי שמואל', פ' וישב-חנוכה) אַז דאָס צינדן די חנוכה ליכט בייגאַכט **איז אַ הכנה** פאר דעם מענטש צו קענען קומען אינדערפרי אין שול, צו דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען מיטן דאַווענען און זאָגן הלל.

**טו.** הרב הקדוש בעל בני יששכר זי"ע שרייבט (כסלו טבת מאמר ב', אות י): 'מרגלא בפומייהו דרבנן רבותינו כת הקודמים' - אונזערע פריערדיגע רבי'ס פלעגן זאָגן אַז **חנוכה איז אַ זמן ווען מ'קען מעורר זיין פקידת עקרים ועקרות געהאלפן צו ווערן מיט קינדער אַזוי ווי אין ראש השנה, און לויט זיין מיינונג איז די הויפט סגולה דערפאר אין דעם לעצטן טאָג פונעם יום טוב וואָס ווערט גערופן זאת חנוכה.** דער דאָזיגער טאָג איז מסוגל געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא. דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע פלעגט איבערזאָגן די דערמאנטע ווערטער פונעם 'בני יששכר' ביים טיש זאת חנוכה (און אַזוי האָבן אויך אַנדערע צדיקים זיך געפירט).

הרה"ק בעל 'חקל יצחק' זי"ע הי"ד פון ספינקא האָט דערציילט, אַז זיין פאָטער, הרה"ק בעל 'אמרי יוסף' מספינקא זי"ע, האָט אַסאַך יאָרן נאָך דער חתונה געוואַרט אויף קינדער. איין יאָר זאת חנוכה האָט זיין רעביצין זיך מזכיר געווען ביים הייליגן צאַנזער רב בעל דברי חיים זי"ע, וועלכער האָט איר אנגעוואונטשן אַ ישועה, און צו די ניין חדשים איז דער 'חקל יצחק' טאקע געבוירן געוואָרן למזל טוב.

איך ווייס פון אַ פאַל מיט אַ יונגערמאַן, וואָס נאָך זעקס יאר אין דער חתונה האָט דער דאקטער (אין די טעג פאר חנוכה) אים געזאָגט אַז ער האָט ליידער נישט קיין שאנסן צו האָבן קינדער, השם ירחם. פרייטאָג צו נאַכטס פון שבת חנוכה, ביים זינגען דעם זמר "מנוחה ושמחה", ווען ער איז אָנגעקומען צו די ווערטער **"קום קרא אליו יחיש לאמצך"**, האָט ער געטראַכט אַז ער האָט נאָך נישט גענוג מתפלל געווען אויף די ישועה. עס קומט דאָך באַלד דער טאָג זאת חנוכה, וועט ער מתפלל זיין אויף אַ שטאַרקן אופן, און דער באשעפער וועט אים אוודאי העלפן.

אַזוי האָט ער געטוהן. אין דער נאַכט פון זאת חנוכה האָט ער צוויי מאל אויסגעזאָגט תהילים צוזאמען מיט זיין רעבעצין, און דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט זאת חנוכה בייטאָג. נאָכ'ן דאַווענען האָבן ביידע אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים. גענוי צום יאָר, ממש צום טאָג, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן זייער ערשטער יונגעלע למזל טוב. היינט איז ער, ברוך השם, אַ טאַטע פון זעקס קינדער, זין און טעכטער. ער איז מער נישט געגאַנגען צום דאָקטאָר אפילו איין מאָל וועגן האָבן קינדער.

**זאת חנוכה איז אויך גאר שטארק מסוגל פאר אַ גוטע פרנסה**, ווי עס שטייט אין ספה"ק 'אמרי נועם' (זאת חנוכה) אַז זאת חנוכה קען מען זוכה זיין צו אַ שפע פון עשירות, ווי ס'איז מרומז אין פסוק (דברי הימים א' כ"ט י"א) **"לך ה' הגדולה"**, גייט אויפ'ן ערשטן טאָג חנוכה, **"והגבורה"**, גייט אויפ'ן צווייטן טאָג. **"והתפארת"** - אויפ'ן דריטן טאָג.

היא נפלאת בעינינו", דער אַכטער טאָג, וואָס איז מרומז אינעם וואָרט "זאת", איז צוגעגרייט צו פועל'ן ישועות וואָס זענען אין דער בחינה פון "נפלאות בעינינו", אַזוי ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז מ'קען אָנטאַפּן מיט די הענט די ניסים וואָס ווערן נשפע פון הימל אין דעם גרויסן און הייליגן טאָג זאת חנוכה[טז].

---

"**והנצח**" - אויפ'ן פערטן טאָג. "**וההוד**" - אויפ'ן פינפטן טאָג. "**כי כל בשמים ובארץ והמתנשא לכל לראש**", גייט אויפ'ן זעקסטן טאָג. "**לך ה' הממלכה**" - אויפ'ן זיבעטן טאָג. "**והעושר והכבוד**" - זאת חנוכה, ווייל **מ'קען אין דעם טאָג זוכה זיין צו אַ גרויסע שפע פון פרנסה און רייכטום.**

**בכלל זענען אַלע טעג פון חנוכה מסוגל אויף עשירות**, ווי דער "ערוגת הבושם" זאָגט (פרשת ויגש) אַ רמז אין פסוק (בראשית מה, ה) 'למחיה שלחני אלוקים לפניכם". דאָס וואָרט 'שלחני' איז ראשי תיבות "**ל**'הדליק **נ**'ר **ש**'ל **ח**'נוכה **ש**'מונת **י**'מים, אַ רמז אַז **אויב מ'צינדט לעכט אַלע אַכט טעג, איז מען זוכה צו פרנסה בריווח.**

אין אַן אָרט ברענגט דער 'אמרי נועם' (סוף יום ז' דחנוכה) אַז די ווערטער "בנים" און "פרנסה" באַטרעפן 497, אַזוי ווי "זאת חנוכה" - אַ רמז אַז **זאת חנוכה איז די פּאַסיגע צייט צו פועל'ן קינדער און פרנסה.**

דער טאָג איז אויך מסוגל **מעורר צו זיין די גאולה שלימה**, ווי הרה"ק רבי אברהם ישכר פון ראדאמסק זי"ע שרייבט אין זיין ספר "חסד לאברהם" (זאת חנוכה) אַז ס'איז מרומז אין פסוק (במדבר ז, פד) "זאת חנוכת המזבח ביום **המשח** אותו". "המשח" איז פון לשון **משיח בן דוד**. דאָס איז אַ רמז, אַז דער זמן איז מסוגל צוצואיילן די גאולה פון אידישע קינדער אין דעם הייליגן טאָג.

אַנדערע זאָגן אַ רמז, "משיח" איז ר"ת "**מ**דליקין **ש**מונת **י**מי **ח**נוכה", אַ רמז אַז אין די טעג פון חנוכה איז דאָ אַ ניצוץ פונעם אור פון משיח.

אויך האָבן צדיקים געזאָגט אַ רמז דערצו אין פסוק (תהלים קל"ב, י"ז) "ערכתי נר למשיחי", מ'דאַרף זיך נאָר שטאַרקן אַז מ'זאָל נישט 'איינשלאָפן' חלילה, און פאַרגעסן מתפלל צו זיין דערויף (זעה אין ספה"ק 'זרע קודש', ליל א' דחנוכה, ד"ה 'וכן').

**טז.** דער מדרש דערציילט (ב"ר פס"ה, כב) אַז ווען די שונאי ישראל האָבן געוואָלט אַריינגיין אין הר הבית, האָבן זיי געזאָגט, אַז איינער פון די אידן זאָלן ערשט אַריינגיין אין בית המקדש, און זיי האָבן באַפוילן פאַר יוסף משיתא ער זאָל אַריינגיין אין בית המקדש, און וואָס ער וועט אַרויסנעמען פון דאָרט, וועט באַלאַנגען צו איהם. איז יוסף משיתא אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש, און ער האָט אַרויסגעברענגט פון דאָרט אַ גאָלדענע מנורה. ווען ער האָט עס געוואָלט נעמען פאַר זיך, אַזוי ווי זיי האָבן איהם צוגעזאָגט, האָבן זיי איהם געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ פּשוט'ן מענטש זיך צו באַנוצן מיט אַזאַ שיינע מנורה - מיר וועלן עס ברענגען אַלס אַ מתנה פאַר דעם קעניג, גיי אַריין אַ צווייטן מאָל, און נעם פאַר דיר אַ צווייטן חפץ. יוסף משיתא האָט אָבער נישט געוואָלט אַריינגיין אַ צווייט מאָל, און דער מדרש שילדערט דאָרט ווי די רשעים האָבן איהם געשטראָפט מיט שרעקליכע יסורים רח"ל, אָבער טראָץ דעם אַלעם, האָט יוסף משיתא נישט מסכים געווען אַריינצוגיין אין בית המקדש אַ צווייטן מאָל, זאָגנדיג, 'נישט גענוג וואָס איך האָב דערצערנט מיין באַשעפער איין מאָל, זאָל איהם נאָך דערצערענען אַ צווייטן מאָל?'. האָבן זיי איהם אַריינגעשטעלט צווישן צוויי שווערע העלצער מיט וועלכע מ'פּרעסט אויס אויל און זיי האָבן איהם אומגעברענגט מיט שרעקליכע יסורים, און ער האָט ווייטער געשריגן: 'וויי איז מיר, אַז איך האָב אַזוי דערצערנט מיין באַשעפער'...

דערנאָך ברענגט דאָרט דער מדרש וועגן נאָך אַ איד וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, און דער תנא יוסי בן יועזר האָט געזאָגט וועגן יוסף משיתא, 'בשעה קלה קדמני זה לגן עדן' - ער האָט מיך געפעדערט אין אַ קורצע צייט אַריינצוקומען אין גן עדן.

דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט יוסף משיתא געקענט ביישטיין אַזאַ גרויסן און שווערן נסיון, ווען מיר ווייסן אַז ער איז באמת געווען אַ גרויסער רשע און האָט נישט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין בית המקדש, און ער האָט אַפילו געוואָלט נעמען די מנורה פאַר זיך?

איז דער תירוץ, אַז **ס'איז דאָ אַזוי גרויסע קדושה אין די מנורה**, אַז אפילו איינער וואָס איז געווען אַזוי דערווייטערט, **אָבער ווען ער האָט נאָר 'אָנגעכאַפּט' די מנורה, איז ער געוואָרן 'אָנגעצונדן' פון איר קדושה, און זיין האַרץ איז געוואָרן אינגאַנצן איבערגעדרייט.** אָט דאָס האָט פּאַסירט מיט יוסף משיתא, ער האָט אָנגעכאַפּט די מנורה מיט ביידע הענט, און דאָס האָט איהם געהייליגט מיט אַ מורא'דיגע קדושה, אויף אַזוי ווייט אַז אַפילו אויב אַ רגע

**'זאת' עשו וחיו - אויסנוצן ריכטיג דעם הייליגן טאָג**

די מתנה פון זאת חנוכה, ווייזט אויף דער גרויסער ליבשאפט וואָס דער אויבערשטער האָט פאר אידישע קינדער, ווי עס שרייבט דער 'ישמח ישראל' (חנוכה, אות נג) אויפ'ן פסוק (תהלים מא, יב) "בזאת ידעתי כי חפצת בי כי לא יריע אויבי עלי". פון דעם וואָס דער אייבערשטער האָט אונז געגעבן דעם טאָג פון זאת חנוכה, דערקענט מען די גרויסע אהבה און דעם רצון וואָס דער אויבערשטער גליסט צו אידישע קינדער, און עס ליגט אויף אונז די פליכט אויסצונוצן די צייט ווי עס דארף צו זיין, כדי עס זאל מקוים ווערן "כי לא יריע אויבי עלי', בימים ההם ובזמן הזה.

**מ'דאַרף** אָבער געדענקען ביידע צדדים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז פון איין זייט זאָגט מען מיט התפעלות 'זאת חנוכה'. דאָס מיינט, אַז מ'קען שפירן און זעהן די נסים ונפלאות וואָס ווערן נתחדש אין דעם טאָג, ווייל דאָס איז דער עיקר פונעם חנוכה. פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען זעהן נישט צו זאָגן רואיגערהייט 'זאת חנוכה', שוין, די טעג פון חנוכה זענען דורכגעגאנגען, ווייל מארגן קען מען נאָך חרטה האָבן אַז מ'האט עס נישט אויסגענוצט ריכטיג"[ז].

**ממילא,** דארפן מיר אַלע זיך מזרז זיין[ח], צו נעמען אין דעם הייליגן טאָג זאת חנוכה דאָס תהלים'ל

פריער האָט ער געהאַט מסכים געווען צו טוהן דעם נידעריגסטן אַקט, איז ער אויף איין מאָל געשטיגן צו ווען מקדש זיין ברבים דעם אויבערשטען'ס נאָמען, אויף אַזוי ווייט, אַז אויך ווען מ'האָט איהם געפיינגט אויף אַן אומבאַשרייבליך שרעקליכן אופן, איז ער נישט געוואָרן אָפּגעשוואַכט פון זיין קעגנערשאַפט, און אַלעס וואָס האָט איהם דאַן ווי געטוהן, איז געווען נאָר דאָס וואָס ער האָט דערצערנט דעם באַשעפער...

ווען מיר שטייען אין אזא גרויסן טאג ווען יעדע איד איז בכח פועל'ן גרויסע ישועות דארף יעדער איינער זיך אנכאַפּן מיט ביידע הענט אין די מנורה און אין די קדושה פון דעם טאג, און אזו ווען מיר זוכה זיין צו איבערגעדרייט ווערן און צוקומען פון די נידעריגסטע מדריגה צו די העכסטע מדריגות.

## מן הבאר

אַ איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר'ן גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, איבער זיין ענגען מצב אין פרנסה, צולייגנדיג אַז ער נויטיגט זיך אין אַ גרויסן נס צו קענען באַצאָלן אַלע זיינע חובות, און "לאו בכל יומא מתרחיש ניסא". האָט דער 'חזון איש' איהם פאַרראַכטן און געזאָגט: **'לאו! בכל יומא מתרחיש ניסא' - ניין, נאָר יעדן טאָג פאַסירן יאָ ניסים...** דאָס הייסט, ס'איז נישט אַזוי ווי דו זאָגסט, נאָר באמת קען דער מענטש אייביג זוכה זיין צו אַ נס.

אין דעם טאָג פון זאת חנוכה זענען באמת דאָ ביידע זאַכן. מ'קען זוכה זיין צו ניסים אין אַלע ענינים, ספּעציעל ווייל יעצט איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי 'טבע' - אַלעס אויף דער וועלט ווערט געפירט העכער פון די טבע. דער נס אליין איז אויך מיטן דרך הטבע.

**יז.** הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאַר זצ"ל, גאבד"ד פון 'חוג חתם סופר' אין בני ברק, פלעגט נאָכזאָגן אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'ויגד יעקב' זצ"ל פון פאָפּא, אַז עס פאַסירט אַמאָל ווען עס קומט זאת חנוכה, מאַכט זיך דער מענטש אַ חשבון הנפש און ער פאַלט אַריין אין יאוש און עצבות ח"ו, זעהענדיג אַז ער האָט נישט אויסגענוצט געהעריג די הייליגע זמנים. אויף דעם זאָגט מען איהם, שטאַק זיך אין דער יעצטיגער שעה אַוועקצושטופּן די דאָזיגע פסול'ע מחשבות, ווייל **'זאת' חנוכה - מיר שטייען נאָך אַלץ אינמיטן דעם יום טוב חנוכה, און מ'קען נאָך אַלץ פועל'ן גרויסע ישועות.**

נאָך מער: די דאָזיגע 'הכנעה' גופא איז דער תכלית פון די טעג פון חנוכה. דאָס מיינט 'זאת חנוכה', צו ברענגען דעם מענטש צו ענוה און שפלות הרוח, אָבער נישט צו עצבות און יאוש ח"ו.

מיר דאַרפן זעהן נישט צו זיין אין דער בחינה פון 'איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת' (תהלים צב, ז). צו זיין אַזוי ווי אַ שוטה וואָס פאַרשטייט נישט אויסצונוצן די געהויבענע צייט פון זאת חנוכה. צוליב זיין חסרון ידיעה טוט ער אַדורכלאָזן דעם טאָג מיט גאָרנישט, ער באַמיט זיך נישט אָנצופילן זיינע טאַשן מיט די גוטע השפעות.

אין האנט, און מתפלל זיין צום באשעפער פון טיפן האַרצן און מיט השתפכות הנפש[יט], אַז מ'זאָל זוכה זיין אַרויסצוגיין פון אַלע ענגשאַפטן בגשמיות וברוחניות[כ], ווייל אין דעם טאָג ווען דער אויבערשטער גיסט אַראָפּ אויף אונז אַסאַך שפע, דאַרפן מיר אַוודאי מקיים זיין דעם פסוק "הרחב פיך ואמלאהו", צו בעטן דעם באַשעפער דער בעל הרחמים, און ער וועט אוודאי ערפילן אַלע אונזערע בקשות צום גוטן[כא].

---

'לו חכמו ישכילו זאת', דער מענטש וואָס האָט שכל, ווייסט און פאַרשטייט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם טאָג פון 'זאת' חנוכה, זיך צו שטאַרקן און זאָגן 'בזאת' אני בוטח.

**יח.** עס איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז **דאָס וואָס צדיקים קענען פועל'ן אין ראש השנה און יום כיפור, קען יעדער פשוט'ער איד פועל'ן אין דעם טאָג פון זאת חנוכה.** (ספר 'עירין קדישין' השלם)

דער באַקאַנטער חסיד רבי בן ציון אָסטראָווער זצ"ל האָט געוואַרט צען יאָר נאָך די חתונה אויף קינדער. אַמאָל ראש השנה האָט ער זיך מזכיר געווען פאַר זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז היינט איז דאָך אַן 'עת פקידה' [אַזוי ווי חז"ל זאָגן (ר"ה יא.) אַז אין ראש השנה זענען נפקד געוואָרן שרה, רבקה, רחל, און חנה], און דעריבער בעט ער פונעם רבי'ן ער זאָל איהם צוזאָגן אַ בן זכר. האָט דער 'חידושי הרי"ם' איהם געזאָגט: **'אויב היינט איז אַן 'עת פקידה', דאַרפסטו דאָך מיך נישט האָבן'**... (דאָס מיינט, היינט קענסטו אַליין אויס'פועל'ן דיין ישועה אינעם היינטיגן טאָג).

איז רבי בן ציון אָסטראָווער אַריינגעגאַנגען אין בית המדרש, און זיך אויסגעוויינט אַ לאַנגע צייט בתפילה ובתחנונים, און ער איז טאַקע געהאָלפן געוואָרן יענעם יאָר: צו ניין חדשים, איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ בן זכר למזל טוב.

**דאָס זעלבע קענען מיר זאָגן, היינט, זאת חנוכה, איז אַן עת רצון אין הימל. מ'דאַרף נישט לויפן דאָ און דאָרט זוכן סגולות, נאָר יעדער איינער קען אַליין אויספועל'ן פאַר זיך אַ ישועה.**

בפרט אַז יעדער איד איז בכח איבערצודרייען מערכות אַזוי ווי דער צדיק הדור, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט די ווערטער פון הייליגן רוזינער זי"ע, ממילא דאַרף מען זיך נאָר אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער, און מ'וועט זוכה זיין צו די ישועה.

**יט.** אינעם הייליגסטן טאָג פון יאָר, יום כיפור, זאָגן מיר ביי תפילת נעילה: 'פתח לנו שער בעת נעילת שער'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגן מיר **'פתח לנו שער'**? די טויערן זענען דאָך נאָך אָפן, נאָר מ'גייט עס באַלד פאַרמאַכן. ממילא, וואָלט מען ענדערש געדאַרפט בעטן אַז דער אויבערשטער זאָל נישט פאַרשפאַרן די טויערן...

נאָר אונזער הויפט בקשה איז, 'פתח לנו שער' - עפן דעם טויער **אין 'אונזער' האַרץ**... די טויערן פון הימל זענען טאַקע אָפען, אָבער אונזערע הערצער זענען ליידער פאַרשטאָפּט... און אויף דעם בעטן מיר, דער באַשעפער זאָל עפענען די טויערן פון אונזערע הערצער, כדי **מיר זאָלן פאַרשטיין צו בעטן געהעריג**, ווייל 'אם לא עכשיו אימתי'.

**כ.** איין יאָר זאת חנוכה, איז דער הייליגער רוזינער זי"ע אַריינגעקומען אין שול, און געזעהן ווי די חסידים שפילן 'דריידל', ווי עס איז דער מנהג ישראל. האָט דער רוזינער געזאָגט צו זיי:

- **וואָס מ'שפילט חנוכה, קען מען נאָך פאַרשפּילן, אָבער וואָס מ'שפּילט זאת חנוכה, קען מען נישט פאַרשפּילן...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז מ'דאַרף זעהן איינצוקויפן רוחניות'דיגע קנינים אין דעם טאָג, ווייל דאָס רוחניות איז אַ נצחיות - אַן אייביגקייט.

**כא.** הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין האָט געזאָגט: דער מענטש דאַרף גלייבן, אַז מיט'ן זאָגן תהלים קען מען אַרויסגיין פון אַלע שטותים, און פון אַלע ענגשאַפטן און פון אַלע ענדערונגען וואָס דער מענטש האָט. אַזוי קען ער ביישטיין די יאוש-געדאַנקען וואָס דער יצר הרע פּרובירט אַריינצוברענגען אין איהם. ('בית אהרן', חנוכה, ד"ה 'עוד אמר')

עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (סי' תרע"ז, ס"ד) אַז דאָס אויל וואָס בלייבט איבער אין דעם אַכטן טאָג חנוכה, וואָס האָט אַ שיעור הדלקה, מאַכט מען אַ פייער און מ'פאַרברענט עס. צדיקים האָבן שטאַרק אויסגעלויבט **די סגולה פון פאַרברענען די קנויטן**, ווי עס שרייבט דער 'סידור רבי שבתי', אין נאָמען פון די מקובלים, אַז נאָך דעם ווי די לעצט ברענען אין דער אַכטער נאַכט, זאָל מען צוזאַמענעמען אַלע קנויטן און זיי אָנצינדן מיט'ן שמן זית וואָס איז איבערגעבליבן אינעם קריגל, **און עס איז מסוגל געראַטעוועט צו ווערן פון בלוט פאַרגיסונג מיט'ן** אויבערשטען'ס הילף, עכ"ד.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין זיך מדבק צו זיין אין די קדושה פון די חנוכה-טעג, און עס זאָל נשפע ווערן אויף אונז אַ שפע פון ברכה און הרווחה אויפ'ן גאַנצן יאָר, צו דינען דעם אויבערשטען ווי געהעריג, און מיר זאָלן זוכה זיין צו דעם אור בהיר פון משיח צדקינו, אמן כן יהי רצון.

---

אַ רמז דערצו קען מען ברענגען, ווייל די 44 לעכט (מיט די 'שמשים'), באַטרעפן אַזוי ווי דאָס וואָרט 'דם'. און אין כלל פון זיינע ווערטער אַז מ'ווערט געראַטעוועט פון אַ 'בלוט פאַרגיסונג', איז אויך אַז **מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען אַפילו צו אַ 'בלוט טעסט'**, נאָר מיר זאָלן זוכה זיין צו בריות גופא וננורא מעליא, בלי צרה ועקתא.

הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פלעגט זאָגן ביים פאַרברענען די קנויטן פון די חנוכה לעכט, **ס'זאָל פאַרברענט ווערן דאָס גאַנצע שלעכטס פון אידישע קינדער** - 'שלעכטס' ברוחניות, און 'שלעכטס' בגשמיות...

# בורא רפואות נורא תהילות

פאָלגענד איז אַ מעשה מיט אַ 'נס גדול' וואָס האָט פּאַסירט אין די טעג פון חנוכה, דריי יאָר צוריק - מיר האָבן עס געהערט פון משפחת ראָזענבערג הע"י פון ניו יאָרק, די עלטערן פונעם 'בעל הנס':

עס איז געווען כ"א כסלו, תשפ"ד, ווען אונזער בחור ני"ו, איז אַרויסגעפאָרן מיט זיינע עלטערן אויף אַ שפּאַציר, אַלס באַלוינונג פאַר דעם וואָס ער האָט זיך פאַרהערט אויף עטליכע מסכתות פון ש"ס. פאַרטאָגס האָט דער בחור געדאַווענט מיט זיין טאטע 'וותיקין', און דערנאָך האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אויף די רייזע פון אַרום דריי שעה, אַ שפּאַציר אויף פאַרשנייטע בערג. אינמיטן דעם שפּאַציר, האָט דער בחור זיך אויסגעגליטשט, וויבאַלד ס'איז נישט געווען גענוג שניי. אַלס רעזולטאַט פון דעם גליטש, איז דער בחור אַראָפּגעפאַלן אויפ'ן קאָפּ ל"ע אין אַ טיפן טאָל פון 50 פיס, ה' ירחם. ער האט געכאפט א שטארקן קלאפ אין קאפ און איז אַריינגעפאַלן אין אַ 'קאָמאַ' רח"ל, ה' ירחם.

וויבאַלד דער בחור איז אין די ערשטע מינוטן נאָכ'ן אַראָפּפאַלן נאָך געווען ביי זיך, האָט ער נאָך באַוויזן צו אַלאַרמירן מיט זיין טעלעפאָן די רעטונג לייט. ווען זיי זענען אנגעקומען האט ער שוין געהאט פארלוירן זיין באוואוסטזיין און מ'האָט איהם שנעל אָפּגעפירט מיט אַ העליקאָפּטער צום נאָנטסטן שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן אָבער געזאָגט, אַז אפילו אויב דער בחור וועט זיך ערוועקן פון זיין 'קאָמאַ', דאַרף מען גרויס רחמי שמים ער זאָל צוריקקומען צו זיך... זיי האָבן געוואָרנט (כדרכם) אַז מ'זאָל זיך רעכענען אויפ'ן ערגסטן רח"ל, ה"י.

אין דעם טאָג פון כ"א כסלו, ווען ער האָט זיך געפונען אין 'אינטענסיוו קעיר', האָט זיין מאמע, וועלכע האָט זיך דאָרט געפונען מיט איהם אַליין, געטראַכט וועגן דעם וואָס זי האָט געלייענט אין אונזער גליון 'באר הפרשה' (געווען געשריבן באריכות אינעם פארגאנגענעם גליון, פרשת וישב), וועגן אַ קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן אָן אַ מאָגן ל"ע, און די דאָקטוירים האָבן איהם **נישט געגעבן קיין שום שאַנסן** צו לעבן ה"י. אָבער אין משך פון די חנוכה טעג, איז אַריינגעקומען דער גרויסער נס, ממש אַן 'יש מאין', און דאָס קינד האָט באַקומען אַ מאָגן, דורך די ברכה פון הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, וועלכע האָט זיך שפּעטער אויסגעדרוקט, **'מיר האָבן שוין געוואוּרט פאר דעם ערשטען טאָג חנוכה'**.

ווען די מאמע פון דעם בחור האָט זיך דערמאנט פון די מעשה, האָט זי געטראַכט ביי זיך, אויב אַזוי, האָט זי דאָך אויך אויף וואָס צו האָפן און אַרויסקוקן... דער עקסידענט מיט'ן בחור האָט פּאַסירט אין דעם **'בעסטן חודש'** וואָס נאָר מעגליך, און זי איז געווען זיכער ביי זיך, אַז אויך זיי וועלן געהאָלפן ווערן קומענדיגן חנוכה, און דער בחור וועט אויפשטיין פון זיין 'קאָמאַ', און וועט נאָך זיין פריש און געזונט בעהי"ת.

מיט איר גרויסע אמונה, האָט די מאמע באַלד באַשטעלט פאַר איר בחור נייע אויגן-גלעזער (ווייל ער האָט דאך פאַרלוירן זיינע ברילן ווען ער איז אַראָפּגעפאַלן). זי האָט אויך געקויפט פאַר איהם נייע קליידער, וואָס ער זאָל קענען טראָגן ביי זיין 'סעודת הודאה'... די משפחה האָט שוין רחמנות באַקומען אויף איר, טראַכטנדיג אַז פון די גרויסע צרה איז זי ליידער 'געוואָרן גערירט' רח"ל, און זי וויל נישט אנערקענען די נייע ווירקליכקייט, אַז איר זון געפינט זיך אין אַ שרעקליכן 'קאָמאַ' רח"ל. די דאָקטוירים, וועלכע האָבן געזאָגט דאָס ערגסטע ה' ירחם, האָבן געלאכט פון איר, כאילו זי פאַרשטייט נישט קיין ענגליש, און באַגרייפט נישט דעם שווערן מצב אין וועלכן איר זון געפינט זיך.

די מאמע האָט זיך אָבער נישט וויסענ'דיג געמאכט, און **מיט א אויסטערלישע שטארקע אמונה האט זי זיך מחזיק געווען און מתפלל געווען** ארויסקוקענ'דיג מיט געדולד אויף די חנוכה-טעג וועלכע קומען אט. אין די ערשטע טעג פון חנוכה האָט זי (און אויך איר משפחה) געהערט די שיעורים פון מורינו שליט"א, ביי די פאַרשידענע חנוכה-מסיבות וואָס זענען אָפּגעראָכטן געוואָרן אין אַ צאָל שטעט. זיי האָבן געשפירט, אַז די מנורה איז פאר זיי ווי אַ נייע שוץ צו קעמפן קעגן דאָס שלעכטע, און האבן **מתפלל געווען צום באַשעפער, איינרייסנדיג וועלטן פאַר זיין רפואה.**

**די פערטע נאַכט חנוכה, ווען דער טאַטע האָט געהאַלטן אינמיטן די 'האַלבע שעה' נאָכן צינדן די לעכט, האָט דער בחור זיך ערוועקט און געעפענט די אויגן, צו די שטוינונג פון אַלע אַרומיגע, וואָס האָבן נישט געקענט גלייבן וואָס זיי זעהען,** מיט'ן אויסנאַם פון די מאמע פונעם בחור... זי האָט דאָך געגלייבט אַז די ישועה וועט קומען דורך די טעג פון חנוכה, ווען דער באַשעפער האָט באַוויזן אַזעלכע גרויסע ניסים 'בימים ההם בזמן הזה'.

**אַ נאַכט שפּעטער, די פינפטע נאַכט פון חנוכה, האָבן די דאָקטוירים אין שפיטאָל שוין אַראָפּגענומען דעם בחור פון דעם 'רעספּירעיטאָר'!** נאָך מער, מען האָט איהם דאן אינטערזיכט, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האָט נישט קיין שום צובראָכן ביין. **זאת חנוכה, האָט דער בחור שוין געגעסן און געטרינקען, און גערעדט כאחד האדם...** אַלע האָבן געזעהן דעם אָפענעם נס, און אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער פירט די וועלט. די דאָקטוירים האָבן ממש נישט געקענט גלייבן זייערע אויגן, ווי שנעל דער בחור האָט זיך ערהוילן און אַרויסגעקומען פון זיין 'קאָמאַ'.

היינטיגן חנוכה, איז שוין דאָס דריטע יאָר זינט די גרויסע ישועה, און מ'דאַנקט און לויבט דעם אויבערשטען פאַר די ניסים ונפלאות שעשית לנו ולאבותינו בימים ההם בזמן הזה.